STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01177

GLIKL HAMEL, 1645-1724

N. B. Minkoff

Permanent preservation of this book was made possible
by The Karma Foundation
in honor of
Mary Karmazin

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. ב. מינקאָוו

גליקל האַמעל

[1645 — 1724]

אַרויסגעגעבן פון
מ. וואַקסער פאַרלאַג
143 דיוויזשאָן סט.
ניו־יאָרק, 2. נ. י.

מיט דער מיטהילף
פון
דוד איגנאַטאָוו
ליטעראַטור־פאָנד

Copyright
N. B. MINKOFF
New York. 1952

[Printed in México, D. F.]

אינהאַלט

אַריינפיר — — — — — — — — — — — — — — 9

גליקל האַמעלס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור — — 12

דער עמאָציאָנעלער עלעמענט — תחינה — — — — — 20

דער מאָראַליזירנדיקער עלעמענט — מוסר — — — — 34

געשעענישן און מוסר — — — — — — — — — — 46

מעשות און מוסר — — — — — — — — — — — 53

מוסר דורך שילדערונגען — — — — — — — — 60

דער באַטייט פון גליקלס באַשרייבערישקייט — — — — 68

גייסטיקע שטריכן — — — — — — — — — — — 83

דערציילערישקייט — — — — — — — — — — — 90

פרעמדע דערציילונגען — — — — — — — — — 98

שטאָף פאַר דערציילונגען — — — — — — — — 110

פולשטענדיקע דערציילונגען — — — — — — — 122

לירישער נאַראַטיוו — — — — — — — — — — 139

נאָכוואָרט — — — — — — — — — — — — — 149

אַרײנפֿיר

מרת גליקל האָמעל האָט אָנגעהויבן שרײַבן אירע זכרונות אין יאָר 1691. זי איז דעמלט אַלט געווען 46 יאָר. געווען איז עס צוויי יאָר נאָך איר מאַן, חיים האָמעלס טויט.

זי האָט פֿאַרטראַכט צו שרײַבן די זכרונות אין זיבן טײלן, זיבן ספֿרים. זי האָט זיי אָבער ניט אָנגעשריבן בנשימה אחת. פֿריער האָט זי אָנגעשריבן די ערשטע פֿינף. אין די דאָזיקע פֿינף טײלן האָט זי דערפֿירט אירע זכרונות ביזן יאָר 1693. בערך 16 יאָר נאָכדעם האָט זי זיך ניט צוגערירט צו זיי.

אין יאָר 1700 האָט זי שוין געהאַט חתונה געמאַכט אירע קינדער, אַ חוץ די ייִנגסטע טאָכטער מרים, אַ מיידל פֿון עלף יאָר. זי איז שוין דעמלט געווען מיד פֿון דעם שווערן לעבן, וואָס איר איז אויסגעקומען צו פֿירן. דערציִען צוועלף קינדער

איז אויך אין יענע צייטן געווען אַ שווערע הלכה. אין אירע עלף יאָר אַלמנהשאַפט האָט זי געדאַרפט אַליין אויסטראָגן אויף אירע אייגענע פּלייצעס. זי האָט אין יענעם יאָר איינגעוויליקט חתונה צו האָבן מיטן מעצער באַנקיר, פּרנס און שתדלן — ר׳ הירץ לוי (סערף לעווי). צוועלף יאָר האָט זי געלעבט מיט איר צווייטן מאַן. אַ באַנקראָטירטער, אַ פאַרשעמטער, אַ יורד, איז ר׳ הירץ לוי געשטאָרבן אין 1712.

דריי יאָר נאָך זיין טויט — אין 1715 — האָט זי ווידער אָנגעהויבן שרייבן די זכרונות. זי האָט פאַרענדיקט די לעצטע צוויי טיילן אין יאָר 1719. געשטאָרבן איז זי דעם 19־טן סעפּטעמבער, 1724, אַ זקנה קרוב צו אַכציק יאָר.

איר אָריגינעלער מאַנוסקריפּט איז צו אונדז ניט דערגאַנגען. געווען זיינען באַקאַנט צוויי אָפּשריפטן. איר זון, ר׳ משה האַמעל, רב אין באַיעסדאָרף, און איר אייניקל, ר׳ חיים, האָבן איבערגעשריבן אַ קאָפּיע פונעם אָריגינאַל. אַ צווייטע אָפּשריפט האָט געמאַכט ר׳ חיימס אַ ברודערן־זון, וואָס האָט אויך געהייסן ר׳ חיים, ר׳ חיים בן יוסף פון באַיעסדאָרף, שפּעטער פון קעניגסבערג. ער האָט פאַרענדיקט די צווייטע אָפּשריפט אין יאָר 1799.

די ערשטע אָפּשריפט האָט זיך שפּעטער געפונען אין דער באַוואוסטער מערצבאַכער קאָלעקציע אין מינכען, נאָכדעם איז זי אַריבער אין דער פראַנקפורטער שטאָט־ביבליאָטעק. די צווייטע אָפּשריפט האָט זיך געפונען אויך אין פראַנקפורט, אין פּריוואַטע הענט.

דער אַלזייטיקער געלערנטער, פּראָפ. דוד קאופמאַן, בשעתו פּראָפעסאָר אין בודאַפּעסט, האָט אין יאָר 1896 אַרויסגעגעבן

די זכרונות, נאָך דער ערשטער אָפּשריפט נאָך. אָבער ער האָט זיך אויך באַנוצט מיט דער צווייטער אָפּשריפט. ביז דעמלט האָבן בלויז מיטגלידער פון דער ברייט־פאַרצווייגטער האַמעל־משפּחה געוואוסט וועגן די זכרונות.

מיר ברענגען דאָ די אַלע פּרטים, ניט מחמת ביבליאָ־גראַפישע טעמים. מיר ווילן דאָ באַטאָנען איין זאַך: גליקל האַמעלס זכרונות זיינען דער וועלט געווען לחלוטין אומבאַ־קאַנט. ווען פּראָפ. קאופמאַן האָט זיי אַרויסגעגעבן סוף 19־טן יאָרהונדערט, זיינען זיי דעם ברייטן עולם נאָך אַלץ געבליבן פרעמד. די סיבה איז געווען דאָס, וואָס די שפּראַך פון די זכרונות איז אַלט־יידיש (פון דעם מיטל־נידערדייטש שניט). סוף 19־טן יאָרהונדערט האָט עס שוין דער יידישער לייענער ניט געקענט לייענען. בלויז יענע געלערנטע, וואָס האָבן זיך דערמיט אָפּגעגעבן, האָבן דעמלט געוואוסט וועגן דעם דאָזיקן אוצר.

גליקל האַמעלס אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור

אין דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור קענען מיר אָנ־ווייזן אויף אַ גרויסער צאָל מעמוארן. צווישן אַנדערע זשאַנערן אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרנעמען זכרונות אַ גאַנץ חשוב אָרט. עס איז גאָרניט שווער אָנצואווייזן אויף מעמואַרן, וואָס אין זיי שפּיגלען זיך אָפּ די פאַרשיידנסטע ווינקלען אין אונדזער מאָדערנעם יידישן לעבן, די פאַרשיידנסטע באַוועגונ־גען, כּללישע וועלט־בליקן און דער יחידישער מצב־רוח. נאָכ־מער האָט זיך פאַרגרעסערט די צאָל זכרונות אין אונדזערע חורבן־יאָרן.

וועגן דער אַלט־יידישער ליטעראַטור קען מען דאָס ניט זאָגן. אין פאַרגלייך מיט זיינע גרויסע לייזן, האָט דאָס גע־

פייניקסטע און טראַגישסטע פּאָלק בכלל ווייניק אָפּגעשפּיגלט אין זכרונות טאָג־טעגלעכע פּרטים, פּרטים פון היסטאָרישע געשעענישן, רדיפות, גזירות, פּאָגראָמען און עינויים. אפשר האָט דער שטאַרקער לעבן־אינסטינקט אָפּגעהאַלטן אַ סך יידן צו דערציילן דאָס, וואָס וואָלט פאַרמיאוסט דעם נוגש, דעם מין מענטש, וואָס פּייניקט, און דורך דעם — בכלל דעם מענטשלעכן מין, וואָס איז באַשאַפן בצלם אלוקים. אפשר איז דאָס געווען דער פּועל־יוצא פון אַן אומגעהייערער נאַציאָנאַלער דיסציפּלין — ניט צו דערלאָזן קיין יאוש און עצבות, וואָס קען אָפּ־שוואַכן דעם גאַנצן פּאָלק־אָרגאַניזם. ווי די זאַך זאָל ניט זיין, אונדזערע לעבנס און די געשעענישן אין אונדזערע לעבנס, האָבן געפונען זייער תיקון אין אַנדערע צווייגן ליטעראַטור. דאָס זיינען געווען אַזעלכע מינים, וואָס האָבן מער אוניווער־סאַליזירט, מער סובלימירט אונדזער היסטאָרישן און יחידישן גאַנג.

אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור קען מען קיין סך זכרונות ניט געפינען. די צאָל איז אַ גאַנץ קליינע. מע קען זיי ממש ציילן אויף די פינגער. צו אונדז זיינען דערגאַנגען:

א) „צרות ווירמיישא" (וואָרמס), אַן אַנאָנימער כתב־יד מכוח די נגישות, וואָס יידן האָבן דורכגעליטן מחמת דעם קייזערלעכן חייל אין יאָר 1636.

ב) מגילת איבה פון דעם „תוספות יום־טוב" (ר' יום־טוב ליפּמאַן העלער).

ג) עלילת דם אין מעץ אין יאָר 1669.

ד) מאיר שמעלקעס „חידושים נפלאים פון טירקישן

ראמור אונ׳ בלעגירנש די שטאָט ווין בשנת תמ״ג לפ״ק (1683).

ה) די „גאַנז־מגילה״ (פון פייבוש גאַנז).

ו) „מגילת שמואל״ (וועגן דעם אָנגעזעענעם פּראָגער מנהיג ר׳ שמואל טויסק), געשריבן פאַר 1720.

ז) די „מגילה״ פון יצחק בערענס (1738), די צרות פון די צוויי ברידער בערענס בעת מע האָט זיי אַריינגעזעצט אין תפיסה אויף פינף יאָר.

אין דער דאָזיקער גאָר באַשיידענער רשימה זיינען פאַראַן זכרונות: פון אַ גרויסן רב, איינעם פון די גרעסטע פּערזענלעכקייטן אין זיין דור, פון פּשוטע מענטשן און פון אַ יונג בחורל. אָבער די וויכטיקסטע זכרונות אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור געהערן מרת גליקל האמעל.

גליקל האמעל דערציילט ניט אין אירע זכרונות בלויז וועגן אַן עפּיזאָד אין איר לעבן. ניטאָ דאָרטן בלויז אַן איינצל־נע געשעעניש, וואָס אַרום איר ווערט אויסגעוועבט אַ סיפּור־המעשה. אירע זכרונות הייבן זיך אָן מיט פרומע רייד, באַקרעפ־טיקט מיט משלים און מעשות. אָבער געשעענישן בפּועל ממש הייבט זי אָן צו דערציילן אין צווייטן בוך. דאָס איז — זינט „מיך מיין כשרי פרומי מוטיר האָט צור וועלט גיבראַכט מיט הילף אונ׳ באַרימהערציקייט דען גרוישן גאָט״. דאָס, וואָס זי געדענקט ניט, פון דער גאָר פריער קינדהייט, גיט זי איבער „כאשר שמעתי״ (ווי איך האָב געהערט). און עס הייבט זיך אָן צו שפּינען אַ לעבן. „איך בין קיין ג׳ שני׳ אַלט גיוועזין, אַליש אַלי בר ישראלים האבין איין גירוש מהמבורג גיהאַט אונ׳ אַלי מוזין לאַלטנה ציאין וועלכיש המלך מדעני מארק יר״ה

געהערט אונ׳ ב״י גוטי קיומי׳ ממנו האבין״. (איך בין קיין דריי יאָר ניט אַלט געווען, ווען אַלע בר ישראלים (יידן) האָבן געהאַט אַ גירוש פון האַמבורג. און אַלע האָבן געמוזט ציען קיין אַלטאָנאַ, וואָס האָט געהערט דעם מלך פון דענמאַרק, ירום הודו, און בר ישראלים האָבן גוט אויסקומעניש געהאַט פון אים).

און דאָ הייבט זיך אָן צו פאַנאַנדערוויקלען אַ מענטשנס לעבן במשך אַ קנאַפּן האַלב־יאָרהונדערט. דאָס לעבן אָבער איז געקניפּט און געבונדן מיטן לעבן פון דער גרויסער משפחה, מיט פריערדיקע דורות וואָס ווערן אויפגעלעבט פאַר אונדז. מרת גליקל דערציילט וועגן איר מאַן, די צוועלף קינדער, די מחותנים. און דאָס שפּינט זיך אין רוים און אין צייט. מיר זעען ווי איר משפחה פאַרצווייגט זיך, באַהעפט זיך מיט אַנ־דערע יידישע משפחות. מיר זעען די אַנטוויקלונג פון טייל משפחות, וואָס עס ווערט פון זיי במשך די יאָרן.

מחמת דער דאָזיקער אַנטוויקלונג אין רוים און אין צייט, באַקענען מיר זיך מיט יידישע קהילות — האַמבורג, אַלטאָנאַ, בערלין, מעץ און אַנדערע. מיר באַקענען זיך מיט שטעט. מיר הערן ווייטע אָפּקלאַנגען פון וועלט־געשעענישן און יידישע טראַגעדיעס. מיר זעען ווי אַזוי עס האָט געווירקט אויף יידן די גרויסע געגאַרטע האָפענונג — שבתי־צבי און זיין פאַל. מיר זעען די פליטים פון די כמעלניצקי־שחיטות. מיטגלידער פון איר אייגענער משפחה האָבן זיך קוים געראַ־טעוועט פון פוילן. מיר זעען אומגליקלעכע פליטים אין דעם הויז פון איר פאָטער, דעם פרנס ר׳ לייב פינקערלע. ער האָט פאַר די קראַנקע פליטים אויפגעשטעלט אַ שפּיטאָל ביי זיך אויפן בוידעם־שטיבל.

דער געשיכט־פאָרשער און עקאָנאָמיסט וועט זען די

יידישע טראגעדיע אין די באגרענעצטע ספעציפיש־יידישע פרנסות. די אנטוויקלונג פון דער יידישער עקאנאמיק וואלט א גוטער עקאנאמיסט אדער סטאטיסטיקער געקענט אנטאפן ממש מיט די הענט. מיר באקענען זיך מיטן אויפקום פון דעם באַרימטן טיפ „האף־יודע”, מיט זיין טראגישער לאגע, טיילמאל מיט זיין טראגיש פאלן.

דער היסטאריקער וועט געפינען אוצרות וועגן דעם יידישן לעבן אין דייטשלאנד, אלטאנא (דענמארק), עלזאס־לאטרינגיע. דער קולטור־היסטאריקער וועט זיך באקענען מיטן אינטימען לעבן פון דער יידישער היים, דעם יידישן ארום, מיט די מנהגים און טראדיציעס. דער פאלקס־פסיכאלאג וועט זיך דערוויסן ווי אזוי יידן אין רעכט, יידן אויסגעשטעלטע אויף הפקר, האבן געטראכט און געהאנדלט בעתן זיין ארומגערינגלט מיט שונאים. פאר אים וועט זיך פאנאנדערוויקלען א בילד — ווי אזוי יידן האבן געלעבט אן אינעווייניק לעבן מיט אייגענע באגריפן וועגן העכערע עגינים. לערנען — דאס שטייט ביי זיי הויך. זיי האבן דרך־ארץ פארן למדן און תלמיד־חכם, און יראת־הכבוד פארן צדיק.

און דאס אלץ האט געאטעמט און געלעבט דורך דער יידישער שפראך, דער דורכגעזאפטער מיט דער גאנצער העברעאיש־אראמעאישער ירושהדיקייט. און ניט נאר דורך דער שפראך האט דאס אלץ געאטעמט און געלעבט, נאר נאך טיפער — אין אלע אירע פארבארגענישן און פסיכישע געשטאלטונגען. געווען איז דאס א מענטאליטעט און א לעבעדיקער ים סימבאלן. די דאזיקע סימבאלן זיינען געקומען פונעם לשון, אריין אין מארך און בלוט, געלעבט אן אינעווייניק פסיכיש לעבן, און ווידער אויפגעטויכט און זיך אנטפלעקט אינעם לשון, כדי ווייטער דורכצוגיין די טיפע, ממש מיסטישע, גלגולים.

מרת גליקלס זכרונות זיינען א מוסטער אין דעם פרט, וואס מיר קענען דערזען אין זיי די פסיכיק פון יידיש־לשון. דער מוסטער איז אונדז זייער באגליובט. ער איז בפועל־ממש א שפיגל. אונדז ווערט קלאר, אז יידיש איז ניט בלויז א שפראך אויף צו רעדן. ווי יעדע שפראך איז זי דורך און דורך פארבונדן מיטן לעבנסשטייגער. ס'ווערט קלאר — יידיש איז ניט בלויז א שפראך, נאר א שטיק ציוויליזאציע, אויב ציוויליזאציע איז לעבנסשטייגער. זי איז א שטיק ציוויליזאציע אין דעם זינען, וואס זי איז א טייל, און א וויכטיקער טייל, פון דער גאנצער גרויסער יידישער ציוויליזאציע. און דאס אנטפלעקט זיך פאר אונדז אין דער פאלקס־פסיכאלאגיע. עס טרעפט, מיר דערהערן פלוצים דעם פאלקס אונטער־באוואוסטזיין רעדן דורכן מויל פון פשוטע פאלקס־מענטשן. עס ווערט אונדז דעמלט קלאר, אז דאס איז א דורות־לאנגע אנגעזאמלטע פאלקס־דערפארונג.

אין מרת גליקלס זכרונות דערזעען מיר ווי אזוי יידיש, ווי א ציוויליזאציע, האט אויסגעזען אין דעם 17־טן יארהונדערט. אין דעם דאזיקן פרט זיינען אירע זכרונות פאר אונדז א סך וויכטיקער ווי די ווערק פון לומדים אדער פראפעסיאנעלע שרייבער. זיי וואלט מען געקענט חושד זיין אין שרייבערישן מאנעריזם, אין קולטיווירטקייט, אין נאכגיין, באוואוסטזיניק אדער אומבאוואוסטזיניק, געוויסע נוסחאות, אין טרעטן אויף שליאכן פון ליטעראַרישער טראדיציע. אבער מרת גליקל קען מען אין דעם ניט חושד זיין. זי איז געווען א פשוטע פרוי פון מיטעלן שטאנד. אין געוויסע פרטים אפילו א וואוילקענעוודיקע. זי האט געשריבן אירע זכרונות — צו פארטרייבן די מרה־שחורה נאכן מאנס טויט, און פאר די קינדער און קינדס־קינדער.

מרת גליקל האט גארניט געקענט איינפאלן, אז אירע

זכרונות וועלן לייענען אנדערע מענטשן, א חוץ איר נאָ־ענטסטע משפּחה. ביי דער פרומער, גאָטספאָרכטיקער פרוי איז ניט געווען קיין שום פאַרבאָרגענער געדאַנק וועגן „ליטע־ראַרישער אומשטערבלעכקייט". און קיין שום אימפּולס האָט ניט געקענט אַריינטראָגן אין אירע זכרונות דעם קלענסטן שמיץ ליטעראַרישקייט. אין דעם פּרט שפּיגלען־אָפּ אירע זכרונות די פּסיכיק פון דעם יידישן מענטשן, באַזונדערס פון דער פרוי, פון דער מוטער. און קיין שום ווערק אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור ציינט אונדז ניט איבער אַזוי בולט ווי אירע זכרו־נות, אַז יידיש איז אַ דורות־לאַנגע ציוויליזאַציע.

אָבער מערקווירדיק — צום בולטסטן קומט עס אַלץ אַרויס, ווען מע אַנאַליזירט אירע זכרונות ריין־ליטעראַריש. דווקא דאָ זעט מען עס באַשיימפּערלעך. קיין שום תקופה אין דער שפּעטערדיקער יידישער ליטעראַטור האָט ניט באַווירקט אַזוי טיף דעם דורכשניטלעכן יידן, באַזונדערס די פרוי, די מוטער, ווי עס האָט באַווירקט די אַלט־יידישע ליטעראַטור.

די אַלט־יידישע ליטעראַטור איז אַליין געווען אַ פּועל־יוצא פון דער יידישער פּסיכיק, מיט איר גאַנצער טראַדיציאָ־נעלער ירושהדיקייט. זי האָט אָבער אויך — פון איר זייט — בפּועל־ממש געפורעמט די יידישע פּסיכיק. אַלץ, וואָס די אַלט־יידישע ליטעראַטור האָט געשאַפן, האָט געלעבט אין די יידי־שע נשמות. די שפּעטערדיקע יידישע ליטעראַטור, באַזונדערס די מאָדערנע, האָט שוין מער געכאַפּט דעם אָנבליק ווי די אַלגעמיינע וועלט־ליטעראַטור. ליטעראַטור איז געוואָרן אַ פּראָ־דוקט פאַר ספּעציאַליסטן און פאַראינטערעסירטע לייענער. אָבער ניט אַזוי איז געווען די אַלט־יידישע ליטעראַטור. דאָס איז ניט געווען אַ פּראָדוקט פאַר סתם לייענער. דאָס איז געווען די סאַמע נייטיקסטע שפּייז, אמתע יניקה. אין דעם פּרט איז די יידישע ליטעראַטור קיינמאָל ניט געווען אַזוי נייטיק און

שעפעריש, ווי די אַלט־יידישע ליטעראַטור. און דאָס זעט מען גראָד אין די זכרונות פון אַ פשוטער יידישער פרוי. זי איז אונדזער בעסטער עדות, און אירע זכרונות זיינען אונדזערע בעסטע באַווייזן.

מיר האָבן פריער דערמאָנט דעם פרט, אַז אירע זכרונות זיינען ביזן יאָר 1896 געווען איינגאַנצן ניט באַקאַנט דער יידישער וועלט. בלויז די נאָענטע משפחה האָט געוואוסט וועגן זיי. אפילו נאָך דעם יאָר 1896, ווען פראָפ. קאַופמאַן האָט אַרויסגעגעבן די זכרונות, זיינען זיי אויך געבליבן באַקאַנט בלויז ספּעציאַליסטן.

מיר דערמאָנען דאָס דערפאַר, ווייל מיר ווילן דערמיט באַטאָנען, אַז גליקל האַמעלס מעמוארן האָבן ניט געקענט האָבן קיין שום השפעה אויף דער יידישער ליטעראַטור. איז מיט וואָס זיינען זיי וויכטיק פאַר אונדז? און וואָס איז זייער אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור?

אירע זכרונות האָבן טאַקע ניט געהאַט קיין שום ווירקונג אויף דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער דערפאַר דערוויסן מיר זיך פון אירע זכרונות, וואָס פאַר אַ ווירקונג די יידישע ליטעראַטור האָט געהאַט אויף דער פּסיכיק פונעם דורכשניטלעכן יידן און דער יידישער פרוי. און מרת גליקל איז ניט מער ווי איינע פון איר דור. און כדי צו זען די דאָזיקע ווירקונג בפועל־ממש, איז וויכטיק צוצוטרעטן צו אירע זכרונות מיט אַ ריין ליטעראַרישער מאָס.

מיר וועלן זיך באַגרענעצן מיט אַנאַליזירן בלויז פיר עיקרים אין אירע זכרונות: דעם עמאָציאָנעלן (תחינה), דעם מאָראַליזירנדיקן (מוסר), דעם באַשרייבערישן און דעם דערציילערישן.

דער עמאָציאָנעלער עלעמענט — תחינה

גליקל האמעלס סטיל איז כמעט איינער און דער זעל־בער אין די אַלע זיבן טיילן זכרונות. דער סטיל איז טאַקע דערזעלבער, אָבער די עמאָציאָנעלע באַפאַרבונג בייט זיך אין גאָר אַ סך ערטער.

איר דערציילערישקייט פליסט רואיק ווען זי גיט איבער מעשות, וואָס זי האָט געלייענט אָדער געהערט. צומאָל דאַכט זיך אוים, אַז עס איז פאַראַן אין דעם אַ מין עפּישע רואיקייט. ווייניקער עפּיש איז זי, ווען זי גיט איבער געשעענישן, וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן אין איר אייגן לעבן. דאָ כאַפּט זיך אַמאָל אריין אַ שטימונג, וואָס האַלט אָן במשך אַ גאַנץ בוך. אַזוי איז עס, למשל, אינעם פינפטן בוך. זי פאַרענטפערט זיך דאָרטן פאַר אירע קינדער און קינדס־קינדער פאַרוואָס זי איז איינגע־גאַנגען אויפן שידוך מיט ר׳ הירץ לוין, וואָס האָט זיך אויס־

געלאָזן אַזוי טראַגיש פאַר איר. דער טרויעריקער טאָן איז דאָרטן דורכגעזאַפּט מיט טרערן און חרטה.

אָבער דאָס סאַמע עמאָציאָנעלסטע שפּירן מיר דאָרטן, וואו זי פאַרענדיקט אַ טראַגישע אָדער טרויעריקע באַשרייבונג. בדרך כּלל, ווען זי גיט איבער מעשׂות, צום טייל עפּיזאָדן — מאָראַליזירט זי. ווען זי גיט איבער אומגליקלעכע אָדער טרויע־ריקע, רירנדיקע געשעענישן — פאַרנעמען מיר פאַרשטיקטע טרערן אין איר קול. מיר דערקענען אויך דעם סטיל און דעם הכנעהדיקן טאָן. מיר האָבן אים געהערט אין אַ געווויסן טייל אין דער אַלט־יידישער פּאָעזיע, אפשר דעם שענסטן טייל. מיר האָבן אין זינען די טונקל־ליכטנדיקע געבעט־פּאָעזיע, וואו עס אַנטפּלעקט זיך דאָס סאַמע טיפעניש פון דער יידישער פרויס האַרץ. דאָס איז — די תּחינה.

די תּחינה איז געווען דער פרויס טרייסט אין די פינצ־טערסטע שעהן. אויך אין רגעם — ווען הכנעה צו גאָט איז געווען דער איינציקער חיזוק אין לעבן.

ניט אָפט איז אַ פּאָעטישע שאַפונג אַזוי דורכגענומען מיט דער אינטימסטער, פאַרזענלעכער עמקות ווי תּחינות. אין אַ געווויסן פרט איז די תּחינה געווען אינטימער, סוביעקטי־ווער און לירישער ווי יענע געבעטן, יענע תּפילות, וואָס פאַר־קערפּערן אין זיך אוניווערסאַלערע אויסבליקן.

די תּחינה איז געווען דער פרויס לירישע אויסלעבונג, איר שטיל געוויין, אירע פאַרשטיקטע טרערן, וואָס האָבן גע־עפנט אין האַרצן פאַרריגלטע טירן.

אויב מיר זאָלן אָננעמען צינבערגס השערה וועגן פיר־זאַגערינס, וועט עס קלאָר מאַכן די דורות־לאַנגע ווירקונג,

וואָס תחינות האָבן געהאַט אויף אונדזער ליטעראַטור. צינ־בערג ווייזט אָן, אַז מיר ווייסן וועגן פּירזאָגערינס, וואָס האָבן געלעבט אין 12־טן יאָרהונדערט. דאָס מיינט, אַז תחינות האָבן שוין דעמלט געלעבט אינעם מויל פון וואוילקענעוודיקע פּירזאָגערינס אין דער ווייבער־שול, אין עזרת נשים. וועגן די תחינות אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער ווייסן מיר אַ סך מער. מיר ווייסן אויך וועגן דער פרוי ווי אַ שאַפערין פון תחינות. אויב מיר זאָלן זיך סומך זיין אויף דעם, קענען מיר אָננעמען, אַז אויך מיט יאָרהונדערטער פריער איז די פּירזאָ־גערין, משמעות, געווען די שאַפערין פון אָריגינעלע תחינות. היינטיקע צייטן וואָלטן מיר אַזאַ שאַפערין אָנגערופן מיט אַ מער פאַרשפּרייטן און פאַרשטענדלעכערן נאָמען. מיר וואָלטן זי גערופן — פּאָעטעסע. און אירע תחינות וואָלטן מיר גערופן — לירישֿ־רעליגיעזע, רעליגיעז־אינטימע פּאָעזיע.

וועגן דער פּירזאָגערין פונעם צוועלפטן יאָרהונדערט ברענגט אונדז צינבערג אַ ראיה: די ווערטער פונעם „בעל־הרוקח", דעם מקובל ר' אלעזר פון וואָרמס, ר' יהודה חסידס אַ תלמיד. ר' אלעזר באַווײנט זיין ווייב, וואָס די קרייצטרעגער האָבן פאַר זיינע אויגן דערהרגעט אינאיינעם מיט זיינע דריי קינדער (אין יאָר 1196). זאָגט ער וועגן איר „משוררת זמירות ותפילה, ומדברת תחנונים, נואמת פּיטום הקטורת ועשרת הדברות".

„ומדברת תחנונים", נאָך צינבערגן נאָך, מיינט, אַז דאָ רעדט זיך מכוח פּירזאָגן סליחות און תפילות אין דער אומ־גאַנג־שפּראַך. מיר קענען אָננעמען, אַז דאָ רעדט זיך אויך וועגן תפילות און בקשות אין יידיש.

דעם שרייבער פון די שורות זיינען באַקאַנט תחינות פון לעצטן דריטל 16־טן יאָרהונדערט (אין פּראָג' יודאַ יאָפּעס

פּריוואַטער קאָלעקציע). ווען מע באַקענט זיך מיט זיי, זעט מען אײַן, אַז זיי זײַנען שוין אויסגעפורעמט אין אַ באַשטימטן סטיליסטישן נוסח. זיי זײַנען שוין אָנגעזעטיקט מיט טראַדיציאָנעלע מעטאַפאָרן, און מיט אַ באַשטימטער לירישער פּראָזירונג. דאָס קומט ניט אויף במשך אַ דור אָדער צוויי. דאָס איז אַ פּועל־יוצא פון דורותדיקן המשך.

מיר האָבן זיך דאָ אָפּגעשטעלט, אײַנגנטלעך, ניט אויף די אינעווייניקע ווערטן פון תחינות. מיר ווילן דאָ בלויז באַטאָנען: די תחינה האָט געשאַפן ניט נאָר איר אייגענעם סטיליסטישן נוסח, נאָר אויך איר אייגענע מוזיקאַלישע מאָנאַליטעט. נאָך פּינקטלעכער: זי האָט געשאַפן איר אייגענע געוויינמאָנאַליטעט.

פאַר דער יידישער פרוי האָט די תחינה אויפגעטאָן נאָך אַ וויכטיקערע זאַך. זי האָט איר אַרײַנגעגעבן ווערטער, ווי שליסלען צו די קוואַלן טרערן, בעת דאָס האַרץ פאַרגייט פון ביטערע זאָרגן און ווייטיקן. מאָדערנע פּסיכיאַטערס וואָלטן עס אָנגענומען ווי אַ וויכטיקע טעראַפּעווטישע פונקציע: אויסלאָדן דורך ווערטער — צומאָל דורך שטראָמען ווערטער — דאָס צעווייטיקטע, פאַרשלאָסענע האַרץ.

מיר זעען דאָס טאַקע אין גליקל האַמעלס זכרונות. מע דאַרף ניט מיינען, אַז מרת גליקל האָט זיך דערהייבן צום ליריזם פון אַ שרה בת טובים. אין דער אמתן האָט זי דאָך ניט געהאַט אין זינען צו שרײַבן תחינות. מע מעג אָבער אָננעמען, אַז דער תחינהס השפּעה האָט געלאָזט טיפע סימנים אין מרת גליקלס זכרונות. ווי דערמאָנט — ווייזן ווייזט זיך עס על פּי רוב דאָרטן, וואו זי פאַרענדיקט צו דערציילן וועגן טרויעריקע געשעענישן. דער תחינה־טאָן קוואַלט אין רגעם פון הכנעה. דאָרטן, וואו ס'קומען טרערן — דאָרטן קומען די ווערטער פון

תחינה. און דאָס האָט די אַלט־יידישע ליטעראַטור פאַרפלאַנצט אין די הערצער, אין דער פסיכיק פון דער יידישער פרוי. און ניט אין די הערצער און אין דער פסיכיק פון איינצלנע מענטשן, נאָר כמעט ביי אַלעמען, וואָס האָבן געהערט צו די ברייטע פאָלקס־שיכטן.

איינגעשטעלטע פראַזעס, ממש פאָרמולעס, — זיי קען מען געפינען לרוב אין גליקלס זכרונות. מיר וועלן זיך אָפּ־שטעלן בלויז אויף עטלעכע.

איר פאָטער, דער פרנס ר׳ לייב פינקערלע, איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אומגעקערט, קיין האַמבורג. מע האָט אויסגעפּועלט ביי די שטאָט־פאַטערס אין האַמבורג, מע זאָל די יידן דאָרטן לאָזן ווידער וואוינען. דער גירוש איז פאָר־געקומען מיט דריי יאָר פריער. דערציילט אונדז מרת גליקל ווי אַזוי די יידן האָבן זיך אומגעקערט פון דער דערבייאיקער אַלטאָנאַ (דענמארק) קיין האַמבורג. זי שרייבט: (זז. 26־27):

„אביר מיר האבין קיין בית הכנסת גיהאט במקום המבורג אונ׳ אך גאר קיין קיומי׳ גיהאט, אך ורק זענין זוא גיזעסין על פי החסד מן עצה יר״ה, ב״י זענין דאך צו זאמין גאנגין אונ׳ מנין גימאכט אין חדרים זוא גוט זיא נעביך גי־קענט האבין, אויב זאלכיש העצה יר״ה שונט לקצת גיוואושט האבין זיא דאך דורך דיא פינגיר גערין גיזעהין אביר. באם עש גייסטליכי האבין גיוואר גיווארין האבין זיא עש ניט לידין וואלין אונ׳ אונש נעביך פאר יאגט אליש דאז שיכטרין שאף האבין מיר מוזין נאך אלטנה שולין גין. דיזיש האט איין צייט לנג גיווארט זענין מיר נעביך ווידר אין אונזירי שילכיר גי־קראָכין אלזו איזט עש גיוועזין דאז מיר לעתים האבין מנוחה גיהאט ולעתים זיינין ווידר פאר יאגט גווארין עד היום הזה.

ודואג אני דאז זאלכיש זוא ווארין ווערט זוא לנג מיר בהמבורג זענין אונ' זוא לנג דיא בערגירייא תוך האמבורג ריגירין".

(אָבער מיר האָבן ניט געהאַט קיין בית־הכנסת אין דער שטאָט (אָרט) האמבורג, און אויך ניט קיין וואוינרעכט. אויך זענען זיי דאָרטן געזעסן בלויז על פי חסד פון דעם ראַט ירום הודו. דאָך זיינען זיך די יידן צונויפגעקומען און צונויפגע־שטעלט א מנין אין די דירות, אַזוי גוט, ווי זיי האָבן נעבעך געקאָנט האָבן. אויב דער ראַט ירום הודו האָט שוין דאָס אפשר געוואוסט, האָט ער דאָך דורך די פינגער גערן געזען. אָבער ווען די גייסטלעכע זיינען דאָס געוואויר געוואָרן, האָבן זיי דאָס ניט געוואָלט לידן, און אונדז נעבעך פאַריאָגט ווי שרעקעדיקע שאָף. האָבן מיר געמוזט גיין אין שול קיין אַל־טאָנאַ. דאָס האָט געדויערט אַ צייטלאַנג. זיינען מיר נעבעך ווי־דער געקראָכן אין אונדזערע שולעכלעך. אַזוי איז עס געווען, דאָס מיר האָבן צייטנווייז געהאַט מנוחה, און צייטנווייז זיינען מיר ווידער פאַריאָגט געוואָרן עד היום הזה. און איך האָב מורא, אַז דאָס וועט געדויערן כל־זמן מיר זיינען אין האמבורג און כל־זמן די בירגערייַ רעגירט אין האמבורג.)

און גלייך, נאָכן שווערן געפיל אירן וועגן דער מורא, אַז אַזוי וועט שוין עס אפשר גאַנץ לאַנג בלייבן, כאַפּן זיך ביי איר אַרויס די טרויעריקע תחינה־ווערטער:

„המקום ב"ה ברחמיו וברוב חסדיו ירחם עלינו וישלח משיח צדקינו ולעבדו המקום ב"ה וב"ש בתם לבבינו, דאז מיר מויכטין אונזר תפילה טון בבית מקדשינו בירושלים עיר הקדוש (הקודש?), אמן".

(זאָל הקדוש ברוך הוא, אין זיין באַרמהאַרציקייט און אין זיינע גרויסע חסדים, זיך מרחם זיין אויף אונדז און שיקן

משיח צדקינו, כדי מיר זאָלן קענען דינען ברוך הוא וברוך שמו, מיט אונדזער גאַנץ האַרץ, אַז מיר זאָלן קענען אונדזע־רע תפילות טאָן אין אונדזער בית־המקדש אין ירושלים, אין דער הייליקער שטאָט, אָמן.)

איינגעשטעלטע רייד הערן מיר אויך ביי אַנדערע געלעגנ־הייטן. אין מאָמענטן פון גליקזעליקייט רייסן זיך ביי איר אַרויס בקשות, וואָס זייער תוך איז געווענדט צו גאָט. און די ווערטער זיינען בקשות, טרויעריקע בקשות. אָט דערציילט זי ווי זי איז אָפּגעריסן פון דער היים. זי האָט ניט לאַנג חתונה געהאַט. וואוינט אין הויז פון איר שווער ר' יוסף, אין האַמעל. און האַמעל איז אַ פאַרוואָרפן אָרט, ווו ס'האָבן געוואוינט נאָר צוויי יידישע משפחות. אָפּגעריסן פון דעם גרויסן כרך האַמבורג, וויים פון איר אייגענער גרויסער משפחה און דער גרויסער צאָל פריינד און באַקאַנטע, איז דעם 14־יאַריקן ווייבל געווען גאַנץ אומעטיק. זי האָט אָבער „גאַנץ האַמבורג פאַר־געסן", ווען זי האָט יעדן פרימאָרגן, דריי אַ זייגער, געהערט ר' יוספס ברומען ביים לערנען. און אין די זכרונות רופט זי אויס: „וואז דאז פאר איין איש קדוש ע"ה גיוועזין איזט" (וואָס פאַר אַ איש קדוש ער ע"ה איז געוועזן). און גלייך נאָך די ווערטער קומען תחינה־רייד (ז. 61):

„זיין זכות זאָלין מיר אלי גניסין אונ' זאָל זיך דאך פאר המקום ב"ה באמיאין דאז ער אונש ווייטיר קיין צרה זאָל צו שיקן אונ' דז מיר ניט זולין לידי חרפות ובזוי ועבירות קומין".

(זיין זכות זאָלן מיר אַלע געניסן, און זאָל ער זיך דאָך פאַרן אויבערשטן ברוך הוא באַמיען, אַז ער זאָל אונדז ווייַ־טער ניט צושיקן קיין צרה און אַז מיר זאָלן ניט קומען צו חרפות, שאַנדעס און עברות.)

און אַט ווידער דערציילט זי אונדז וועגן דער פרייד, ווען ס'איז געבאָרן געוואָרן איר קדיש, איר ערשטער זון, נתן (דאָס ערשטע קינד איז געווען די טאָכטער צפורה). און זי דערמאָנט זיך וואָס פאַרא „חשובי ברית מילה" איר מאַן האָט געמאַכט, אַז מע קען עס ניט באַשרייבן. אָבער ווען זי דערמאָנט זיך וועגן איר מאַן, „בעלי זצ"ל", קומען שוין אויף אין איר פאַרטיקע ווערטער ווי דורך טרערן (ז. 74):

„אונ' דאר ווייל איך נון מער בעו"ה קיין ישועה ונחמה מער האבי אליש וואז איך האף אן מייני קינדיר צו ארליבין זוא ביט איך דען גרוישן גאט זיין גינאד אונ' בארימהערציקייט דאר צו געבין".

(און ווייל איך האָב איצט מער ניט קיין אַנדער הילף און טרייסט ווי דאָס, וואָס איך האָף צו דערלעבן פון מיינע קינדער, אַזוי בעט איך דעם גרויסן גאָט, ער זאָל דערצו געבן זיין גנאָד און בארמהאַרציקייט.)

אַזעלכע איינגעשטעלטע נוסחאות טרעפן מיר אַ סך אין מרת גליקס זיכן ביכער. מיר טרעפן זיי אויך אָן אין דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור, ביי אונדזערע קלאַסיקער און די נאָך־שפּעטערדיקע שרייבער. מיר געדענקט נאָך גוט דאָס דאָזיקע וויינענדיקע ריידן ווי מיר האָבן עס געהערט און הערן נאָך איצט אין מויל פון אונדזערע „מוטערס אין ישראל".

נעענטער צו אַט דעם קלאָג־נוסח דערגייען מרת גליקלס ווערטער ווען זי באַשרייבט איינגענע אומגליקן. איינע פון די רירנדיקסטע באַשרייבונגען איז וועגן איר מאַנס, ר' חיים האַמעלס לעצטע טעג און שעהן. און נאָך דער מערקווירדיקער באַשרייבונג, געפינט זי נאָך אַלץ ניט קיין ווערטער אי־

בערצוגעבן איר גרויסן בראָך, און ס'כאַפּט זיך אַריין אין איר
באַשרייבונג אַ יאָמערלעך געוויין (ז. 200):

„אך וואש קאן אודיר זאל איך קלאגין אודיר זאגין גאט
זאל זיך אונזיר ארבארמין אונ' זאל דער פאטיר פון מייני
יתומי' זיין דען דוא איינציגיר גאט דוא ביזט יוא דער פאטיר
פון יתומי' נון איך וויל מיט מיין היילין אונ' יאמירין שטיל
שווייגין איין וויניק דען איך זורג איך ווער דען ליבן פריינד
וואול כל ימיו בוויינין מוזין".

(אַך, וואָס קאָן אָדער זאָל איך קלאָגן אָדער זאָגן. גאָט
זאָל זיך אויף אונדז דערבאַרעמען און זאָל דער פֿאָטער פֿון
מיינע יתומים זיין. דען דו, איינציקער גאָט, דו ביסט יאָ דער
פֿאָטער פֿון יתומים. נו, איך וועל מיט מיין היילן און יאָמערן
אַביסל שטיל שווייגן. דען איך זאָרג, איך וועל דעם ליבן
פריינד זיכער אַלע מיינע טעג באַוויינען מוזן.)

דאָס דריטע בוך אירס ענדיקט זי מיט אַ בפירושער
תחינה. אויך דאָ איז עס פֿאַרבונדן מיט באַשרייבן אַן אומ־
גליק. זי דערציילט ווי זי האָט פֿאַרלאָרן איר דריי־יאָריק טעכ־
טערל מאַטע. זי און איר מאַן זיינען פֿון עגמת־נפש קראַנק
געוואָרן. זי האָט דעמלט געשוואַנגערט מיט איר טאָכטער חנה.
און זי און דאָס נאָך־ניט־געבאָרן קינד זיינען געווען ממש אין
סכנה. אָבער מיט גאָטס הילף איז זי אַלץ בשלום דורכגעקו־
מען. און כדי זיך שטאַרקן ביים שרייבן ברענגט זי די מעשה
וועגן דעם גרויסן תנא ר' יוחנן, ווי אַזוי ער האָט פֿאַרלאָרן
ניין זין, און נאָכדעם — דאָס איינציקע געבליבענע קינד, אַ
זון פֿון דריי יאָר. זי טרייסט זיך מיט זיין אָננעמען אַלץ
באהבה, ווי אַזוי ער איז געבליבן אַ פֿרומער היילִיקער ייד
ביזן סוף זיינע טעג. נאָך עטלעכע דברי־מוסר, ברענגט זי אַן
אַנדער באַווייז, וואָס דאַרף זי טרייסטן. דאָס איז די מעשה

ווענן דודן ווי אזוי ער האָט זיך אויפגעפירט בעת עס איז קראַנק געווען זיין ערשטער זון, וואָס בת־שבע האָט אים גע־האַט. ער האָט געקלאָגט און געוויינט, געטאָן תפילה צו גאָט, איינגעלייגט וועלטן. ער האָט אַלץ געהאַפט — גאָט וועט זיך אויף אים דערבארימען. אָבער ווען דאָס קינד איז געשטאָרבן, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז גאָטס ווילן. „איזט ער אויף גישטאַנדין אויז זייניר עש" (איז ער אויפגעשטאַנען פון דעם אַש). ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען עסן און טרינקען. גאָט האָט צוריקגענומען זיין פקדון. מרת גליקל מאָראַליזירט נאָכ־דעם ווענן דעם מענטשנס זינד, און צום סוף גיסט זיך אויס איר אָנגעווייטיקט האַרץ אין אַ תחינה:

„דער גרוישי לעבינדיגי גאָט דער וויל זיך דאָך איין מאָלט איבר אונש מרחם זיין אונ' אונש אויז דען גלות ארליזין כדי מיר המקום ב"ה רעכט קענין דינין וויא עש גי־הערט צו זיין אונ' דאז אלי פעלקיר ארקענין אונ' ווישין דאז מיר דיין גליפּטיש פאלק זיין אונ' דוא גרושיר גאָט דוא בישט יוא אונזיר פאטיר זוא ארבארים דיך אך אליש וויא איין פאטיר זיך ארבארימט איבר איין קינד אונ' בישט אך אונזיר הער אונ' מיר זיי דייני קנעכט אונ' מיידין אלזו וואלין מיר ניט אויף הערין צו בעטין אן אונזרין גינעדיגין גאָט ביז ער זיך איבר זייני קנעכט מרחם איזט אונ' איך דען גרושין גאָט דייני דינשט מאט בים אליש אייני מייט אן אירי ווערטין דען אונזרי אויגין אונ' הערטץ העננגים אליש אן דיך".

(דער גרויסער לעבעדיקער גאָט, דער וויל זיך דאָך אַמאָל איבער אונדז מרחם זיין און אונדז פון דעם גלות דער־לייזן, כדי מיר זאָלן רעכט קענען דינען הקדוש ברוך הוא, ווי עס געהערט צו זיין. און דאָס אַלע פעלקער דערקענען דיך און ויסן, אַז מיר זיינען דיין געליבט פאָלק, און אַז דו, גרוי־סער גאָט, ביסט יאָ אונדזער פאָטער. איז דערבאַרים זיך

אויך ווי א פאטער דערבארימט זיך איבער א קינד. און דו ביסט אויך אונדזער האר, און מיר זיינען דיינע קנעכט און (דינסט)־מיידן. אלזא וועלן מיר ניט אויפהערן, צו אונדזער גנעדיקן גאט צו בעטן, ביז ער וועט זיך מרחם זיין איבער זיינע קנעכט. און איך, די דינסטמאט (דינסטמויד) דעם גרויסן גאטס, בעט, ווי א דיגסט (בעט) איר באלעבאסטע (ווירטין), ווייל אונדזערע אויגן און אונדזער הארץ הענגען אן דיר.)

אויך פחד, שרעק, פירן־צו ווערטער צו איר הארץ, וואס דערמאנען אונדז אין תחינה־פסוקים. ווען זי דערציילט די פירכטערלעכע מעשה וועגן מרת ביילע כהן (זז. 264-257), ברענגט זי זיך און דעם לייענער אריין אין פחד־שטימונג. אויפן טויטן בעט, נעמט ביילע כהן א תקיעת־כף פון איר מאן, אז ער וועט חתונה האבן מיט דער יתומה, וואס זיי האדעוועו (?) ביי זיך אין הויז, די 12-11־יאריקע פלימעניצע גליקכען. די עדות דערביי זיינען געווען גליקל האמעלס שוואגער ר׳ יוסף, און הרב ר׳ שמואל ארגעלס. נאך ביילע כהנס טויט, האט איר מאן בשום־אופן ניט געקענט זיך באשליסן חתונה צו האבן מיט א קינד, וואס ער האט געהאדעוועט. האט ער חתונה גע־האט מיט אן אנדער פרוי, ר׳ טעבלים (טעוועלע) שטיפטאכ־טער, נאכדעם ווי גליקכען האט אים באפרייט פונעם נדר. אבער ר׳ בער כהנס צווייט ווייב איז בקרוב געשטארבן. איי־דער זי איז געשטארבן, האט דער מלאך־המות צוגענומען צו זיך ר׳ בער כהנס מקורב ר׳ אנשל ווימפפען, און דער רב ר׳ שמואל ארגעלס איז געשטארבן אין שול, פרייטיק צו קבלת־שבת.

כמעט ביים סוף דער פירכטערלעכער דערציילונג קומען אויף אין מרת גליקל די ווערטער (ז. 262): „אונ׳ בין איך אונ׳ אלי מענשין פיל צו שוואך דאז מיר דרויף זולטין גידענקין

אך ורק להמקו׳ ב״ה וב״ש צו ביטין ער ווייטיר מיסיר חרון אפו מעלינו ומכ׳י זיין זאל״.

(און בין איך, און אלע מענטשן, פיל צו שוואך, אז מיר זאלן קענען דאס טראכטן. אויך און בלויז צום אויבערשטן, ברוך הוא וברוך שמו, קענען מיר בעטן, ער זאל אפקערן זיין גרימצארן פון אונדז און פון כל ישראל.)

אויך נאציאנאלע געשעענישן, גרויסע נאציאנאלע אומגליקן רופן ארויס אין מרת גליקל די תחינה־געוויינען. צום בולטסטן זעען מיר עס ווען זי דערציילט וועגן דעם אומגליק — שבתי־צבי. אזויפיל האפענונגען האבן יידן געלייגט אויף אים. אט זיינען שוין דא די ימי משיח. און אט ווייזט זיך ארויס, אז דאס איז געווען א פארבלענדעניש. אין שייכות מיט דער טראגעדיע וועגן שבתי־צבי, דעם פאלשן משיח, וויינט זי אויס איר הארץ פאר אונדז. און, פארשטייט זיך, — דא האבן מיר ווידער א מין תחינה (זז. 80־81):

„אין דער זעלביגי צייט האט מאן אן גיפאנגין צו רידן פון שבתאי צבי אביר אוי לנו כי חטאנו אונ׳ דאז מיר עש ניט ארלעביט האבין אונ׳ וויא מיר גיהערט האבין אונ׳ וויא מיר זיך פאשט איין גביל האבין ווען איך גידענק אן דער תשובה וואז פון יונגי אונ׳ אלטי גישעהין איזט דאז ניט צו ערשרייבן וויא עש ידועה ומפורסם איזט דורך דען גנצין עולם אה רבש״ע אין דער צייט דאז מיר גיהאפיט האבין דאז דוא דיך בארים הערציגיר גאט דיך ווערשט איבר דיין ארים פאלק ישראל מרחם זיין אונ׳ אונש ארליזין אלזו האבין מיר וואול גיהאפט אלש וויא איין אשה די דאר זיצט אויף דען געווין שטויל אונ׳ ערביט זי מיט גרושי שמערטצין אונ׳ וויא טאג אפ, אונ׳ פאר מיינט נאך אל איר שמערטצין אונ׳ ווי טאג ווערט זי מיט איר קינד ארפרייאיט ווערין אביר נאך אל איר

שמערטצין אונ' וויא טאג קומט ניקש אנדרשט אלז דאז זיא איין ווינט גיהערט. אלזו מיין גרויזר גאט אונ' קיניג איזט אונש אך גישעהן מיר האבין גיהערט אונ' אל דיין ליבי קנעכט אונ' קינדיר האבן זיך זער גימיט מיט תפילה תשובה וצדקה דורך דער גנצי וועלט אונ' דיין ליב פאק ישראל זענין אויף דען גיווין שטויל גיזעסין אונ' גימיינט נאך אל איר שווארי תשובה תפילה וצדקה דאש זיא ב' ג' שנים זיינין אין גיווין שטויל גיזעסין איזט דאר נאך ניקש אליש ווינט הרויז גיקומין לא די דאז מיר האבין דאז קינד ניט זוכה גיוועזין צו זעהין, דאר מיר זיך זוא זער אום גמיט האבין אונ' זוא וויט זענין גיקומין דאז מיר אונש גנץ פאר זיכירט האבין גיהאלטין זענין מיר בעו"ה שטעקין בליבן מיין גאט אונ' הער דערינטהאלבין פארצאגין דיין פאלק ישראל דאך ניט אונ' האפין טאגליך אויף דיין בארימהערציקייט דאז דוא זיא ארליזין ווערשט אפי' שיתמהמה אחכה בכל יום שיבא וועז עש דיין הייליגיר וויל ווערט זיין, זוא ווערשטו דיין פאלק ישראל שונט גידענקין".

(אין דער זעלביקער צייט האט מען אנגעהייבן צו רעדן פון שבתי־צבי. אבער, אוי ווי צו אונדז, ווייל מיר האבן גע־זינדיקט. און אז מיר האבן עס ניט דערלעבט. און ווי מיר האבן געהערט, און ווי אזוי מיר האבן זיך שטארק איינגעבילדט, און ווען איך דערמאן זיך די תשובה, וואס יונג און אלט האבן געטאן — דאס איז ניט צו באשרייבן. ווי עס איז באוואוסט און באקאנט דורך דער גאנ־צער וועלט — א, רבונו של עולם — אין דער צייט בעת מיר האבן געהאפט, אז דו בארמהארציקער גאט וועסט זיך דער־בארעמען איבער דיין פאלק ישראל און אונדז דערלייזן. אזוי האבן מיר וואויל געהאפט, אזוי ווי א פרוי, וואס זיצט אויפן געווינשטול (בראכשטול) און ארבעט מיט גרויסע שמערצן און ווייטיקן, און מיינט, אז נאך אלע אירע שמערצן, און ווי טאג קומט, וועט זי ווערן דערפרייט מיט איר קינד. אבער נאך

אַלע אירע שמערצן און ווייטיקן קומט ניט אַנדערש ווי דאָס זי אַ ווינט געהערט. אַזוי, מיין גרויסער גאָט און קיניג, איז אונדז אויך געשען. מיר האָבן געהערט, און אַלע דיינע ליבע קנעכט און קינדער האָבן זיך זייער געמיט מיט תשובה, תפילה וצדקה דורך דער גאַנצער וועלט. און דיין ליב פּאָלק ישראל איז אויף דער געווינשטול געזעסן און געמיינט, נאָך זייער גאַנצער שווערער תשובה, תפילה וצדקה, נאָכדעם ווי זיי זיינען געזעסן אויף דער געווינשטול צוויי־דריי יאָר, און עס איז גאָרניט אַרויסגעקומען ווי בלויז אַ ווינט. לאַ די, וואָס מיר זיינען ניט זוכה געווען צו זען דאָס קינד, וואָס דערצו האָבן מיר זיך אַזוי געמיט, זיינען מיר אַזוי ווייט געקומען, אַז מיר האָבן זיך גאַנץ זיכער געהאַלטן, און מיר זיינען בעוונותינו הרבים שטעקן געבליבן. מיין גאָט און האַר, פון זייערט וועגן וועט דיין פּאָלק ישראל דאָך ניט פאַרלירן מוט, און האָפּט טעג־לעך אויף דיין בארמהאַרציקייט, אַז דו וועסט עס דערלייזן. אפילו ווען ער זוימט זיך, אַזוי האָף איך יעדן טאָג, אַז ער וועט קומען. ווען עס וועט זיין דיין הייליקער ווילן, וועסטו שוין דיין פּאָלק ישראל געדענקען.)

ניט נאָר די ווערטער פאַרן געוויין האָט די תחינה צו־געגרייט, נאָר אויך דעם עצם הכנעהדיקן טאָן, דעם פאַר־אומערטן און טרויעריקן. אָבער די תחינה־פּאָעזיע איז ניט גע־ווען דער איינציקער שטראָם אין דער אַלט־יידישער ליטעראַ־טור, וואָס האָט געפּוּרעמט די יידישע פּסיכיק. אויך די גאַנצע מוסר־ליטעראַטור האָט עס געטאָן. אויך פון דאָרטן קומען טרויעריקע ווערטער און טענער.

דער מאָראַליזירנדיקער עלעמענט — מוסר

מרת גליקל איז געווען אַ פרומע, גאָטספאָרכטיקע פרוי. איר געמיט־צושטאַנד, איר טיפע אמונה, איר הכנעה אין פּנים פון גאָטס אומפאַרשטענדלעכע דרכים — דאָס אַלץ קומט פון אַן ערלעך און אויפריכטיק האַרץ. זי דערציילט זאַכן — קלאָר, אָפן, אויספירלעך און פּשוט. מע קען זיך, דעריבער, אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף אירע רייד. אפילו ווען זי רעדט וועגן זיך אַליין.

איז וועגן דעם פאַרוואָס זי האָט זיך גענומען שרייבן אירע זכרונות דערציילט זי אונדז אַליין אין עטלעכע ווערטער:

גלייך אין אָנהייב, אויף זייטל דריי, טרעפן מיר זיך אָן אויף אַזאַ אָפּזאַץ:

מיין ליבי קינדיר איך האבי דיזוש אן גיפאנגין בס"ד צו שרייבין נאך דען טוט פון אייער פרומין פאטיר דאז עש מיר איזט גיוועזין לקצת לנחת רוח, וועןמיר דיא מאלקולישי גידאנקין זיינען גיקומין אונ' פון שווארי דאגות שהיינו כצאן בלא רועה אונ' מיר אונזרין גיטרייאין הירטן האבין פר לאהרין, אלזו איך מעניכי לילה שלאף לאז צו גיבראכט אונ' איך ביזורגט דאז איך ח"ו אין מאליקולי גידנקין זולטי קומין. אלזו איך אופט בלילה אויף גישטאנדין אונ' דיא שלאף לוזין שעות דאר מיט צו גיבראכט.

(מיינע ליבע קינדער, איך האב דאס דאזיקע אנגעפאנגען מיט גאטס הילף צו שרייבן נאך דעם טויט פון אייער פרומען פאטער, וואס איז מיר געוועזן לקצת לנחת רוח, ווען מיר די מאלקולישע (מעלאנכאלישע) געדאנקען זיינען געקומען, און פון שווערע דאגות שהיינו כצאן בלא רועה, און מיר אונדזערן געטרייען הירט (פאסטעך) האבן פארלארן, אלזו איך מאנכע לילה שלאפלאז צוגעבראכט און איך בין געווען באזארגט, דאס איך חס ושלום אין מאליקולע (מעלאנכאלישע) געדאנקען זאל קומען. אלזא, בין איך אפט בלילה אויפגעשטאנען, און די שלאפלאזע שעות אויף דעם פארבראכט.)

ביים סוף צווייטן בוך (ז. 74) דערמאנט זי אונדז ווידער די סיבה פון איר שרייבן זכרונות:

היר מיט וויל איך נון מיין אנדיר ספר אך בשליסין אונ' ביט דאך אל דיא דאז לייאין מיר מיין שטות אין גוטין אויז צו ליגין וויא שונט גידאכט פון צרות אונ' זורג גישעהן. נון מיט דער הילף דאז גרושי גאט דער מיר נאך בייא אל מיין זורג גיביט דאז איך עש קאן אויז שטיהן.

(דערמיט ווייל איך נון מיין אנדער ספר אויך שליסן, און בעט דאך אלע וואס דאס לייענען, מיר מיין שטות אין גוטן אויסצולייגן, ווי שוין דערמאנט. פון צרות און זארג (איז עס) געשען, נון (נאר) מיט דער הילף פון דעם גרויסן גאט, דער מיר נאך ביי אל מיין זארג גיט, אז איך עס קאן אויסשטיין.)

ווי מיר זעען, איז די סיבה פון איר שרייבן זכרונות געווען: שלאפלאזע נעכט, מורא פאר מעלאנכאלישע געדאנ־קען, צרות און זארג. דאס איז איר אליין באפאלן נאכן טויט פון איר מאן.

פאראן אבער נאך א סיבה, אמת, א קלענערע סיבה. כל־זמן זי שרייבט שוין וועגן איר לעבן און דעם לעבן פון דער משפחה, ווייל זי, די שפעטערע דורות זאלן וויסן פון וועמען זיי שטאמען. אזוי, למשל, געפינען מיר אין צווייטן בוך (ז. 67) אזא באמערקונג:

מיין ליבי קינדר שרייב אייך דאז אויב היינט אודיר מארגין ווערין קומין אייאיר ליבה קינדר אודיר עניקליך אונ׳ אירי משפחה ניט קענין זוא האב איך זיא אייך דאר אין קארטצין אויף גישטעלט כדי איר ווישן קענט פון וואש פאר לייט איר הער זייט.

(מיינע ליבע קינדער, (איך) שרייב אייך דאס, אויב היינט אדער מארגן וועלן קומען אייערע ליבע קינדער אדער אייניקלעך און אירע (זייער) משפחה ניט קענען, דעריבער האב איך זי אייך דא אין קורצן אויפגעשטעלט, כדי איר וויסן קענט פון וואס פאר א לייט איר קומט ארויס.)

ווי מיר זעען, האט מרת גליקל, שוין פאראיינוועגס גע־

וואָלט איבערלאָזן אין אירע קינדער און קינדס־קינדער דאָס געדעכעניש „פון וואָס פאַר לייט איר הער זיינט". אָבער די סיבה ראשונה איז געווען — צו פאַרהיטן זיך ניט אַריינצופאַלן אין „מאַלקולישי גידאַנקין". אין די שלאָפלאָזע נעכט „דיא צייט מיר צו פאַר קירטצין (פאַרקירצן)". קיין שום אַנדערע סיבות פאַר איר שרייבן זכרונות זיינען, בכן, ניט געווען. כמעט ווי ביים סוף פון איר ערשטן בוך (ז. 21) פאַרגעסט זי ניט צו באַמערקן, אַז זי באַשרייבט איר לעבן, ניט כדי זיך אַליין באַ־שרייבן אָדער זיך אַליין אַרויסשטעלן. זי וויל באַשרייבן — לאָזט זי אונדז וויסן — "זוא פיל מיר ביוואוסט אונ' זוא פיל עש זיך טון לאזט, פון דיא בישרייבונג פון מיינער יוגינט וואז מיר נאך אין גידענק איזט וואז פאסירט איזט" (אַזויפיל וויפל מיר איז באַוואוסט, און אַזויפיל עס זיך טאָן לאָזט, פון דער באַשרייבונג פון מיין יוגנט, וואָס מיר נאָך אין געדעכעניש איז, וואָס (מיר) פּאַסירט איז). די פרומע, גאָטספאָרכטיקע מרת גליקל וויים און פילט ווי נישטיק עס איז דער מענטש און זיין גאַנץ לעבן. כדי מע זאָל איר ניט פאָרוואַרפן, אַז איר שרייבן האָט אין זיך אַ שמץ גאווה, געפינט זי פאַר נייטיק צו לאָזן וויסן וועגן דעם. זי פאַרנעמט זיך מיט באַשרייבן איר לעבן „ניט דאז איך מיך זולטי אויזשליסין אודיר מיך ח"ו פאר פרוים בישרייבין אודיר האלטין ניין בעו"ה גדול עוונות מלהנשאה" (ניט אַז איך זאָל מיך אויסשליסן (אויסשטעלן, אַרויסווייזן, דערהויבן) אָדער מיך חס ושלום פאַר פרום באַ־שרייבן אָדער האַלטן. ניין, אונדזערע זינד זיינען צו פיל, אַז מע זאָל זיי קענען מוחל זיין). ווי אַ פרומע, גאָטספאָרכטיקע פרוי האַלט זי זיך פאַר אַ זינדיקע, וואָס איז „אַלי יום אַלי שעה אַלי רגע עין ממש פול עבירות" (יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדן אויגנבליק ממש פול עבירות).

פאַראַן אין אירע זכרונות נאָך עטלעכע באַמערקונגען מכוח איר שרייבן. זי דערמאָנט ביי געלעגנהייטן, אַז זי וויל

ניט פריידיקן, מוסר־זאָגן אָדער לערנען מאָראַל. זי איז דאָס גאָרניט אויסן צו טאָן.

„מיין ליבי קינדר איך בין אך ניט אויזן אייך איין ספר מוסר צו מאכין אונ׳ צו שרייבין. איך בין ניט קפאביל דאר צו דעם זענין אונזרי חז״ל דיא כמה וכמה ספרים פון גימאכט האבן. אונ׳ מיר האבין תורתינו הקדושה דאר מיר אליש אויז זעהן אונ׳ ביגרייפין קענין וואז אונז ניצליך איזט, אונ׳ פון עה״ז לחיי עה״ב ברענגיט אונ׳ אן אונזיר ליבי תורה קענין מיר זיך פאשט האלטין״.

(מיינע ליבע קינדער, איך בין אויך ניט אויסן, אייך אַ ספר מוסר צו מאַכן און צו שרייבן. איך בין ניט קאַפּאַבל דערצו. אויף דעם זיינען דאָ אונדזערע חז״ל, וואָס האָבן וועגן דעם כמה וכמה געשריבן. און מיר האָבן תורתנו הקדושה, כדי מיר זאָלן פון איר אַלץ זען און באַגרייפן קענען, וואָס אונדז ניצלעך איז, און פון עולם הזה אין לעבן פון עולם הבא ברענגט, און אין אונדזער ליבער תורה קענען מיר זיך פעסט האַלטן.)

ביים סוף פון ערשטן בוך דערהערן מיר ווידער די זעלביקע ווערטער: „איך שרייב אייך דיזוש (דיזעס, דאָס דאָזיקע) אך ניט פאר קיין ספר מוסר״.

ניט געקוקט אָבער אויף דעם, וואָס זי פאַרזיכערט אונדז, אַז זי האָט ניט געהאַט בדעה צו שרייבן אַ מוסר־בוך, איז דאָס בוך פול מיט דברי־מוסר. ס׳איז טאַקע אמת, זי איז ניט אויסן געווען צו פריידיקן, צו לערנען מאָראַל. אָבער איר גאַנצע פּסיכיק איז געווען דורכגענומען מיט פרומקייט און מוסר. דאָס איז געווען דער געמיט־צושטאַנד פון דער יידישער פרוי. וואָרן יעדער יידישע פרוי איז געווען דורכגענומען מיט דער גאַנצער מוסר־ליטעראַטור פון איר צייט. זי דערמאָנט

טאַקע דעם מוסר־ספר „יש נוחלין״ פון אברהם בן שבתי הור־וויץ (פּראָג, 1615). זי גיט איבער פון דעם דאָזיקן ספר אַ שטיק דערציילערישן מוסר. לייענען אין דעם אָריגינאַל איז איר, משמעות, געווען שווער. מע האָט עס פאַר איר פאַרגע־לייענט אין יידיש — „וועלכיש מאַן מיר אויף טייטיש פיר גיזאָגט האט״. און זי פאַרענדיקט דעם שטיק מוסר (זז. 264־267) מיט די ווערטער „אונ׳ ווער וואש ווייטיר דאר פון ווישין וויל מאג אין ספר הנ״ל לייאין ושארי ספרים (און ווער עפּעס דערפון ווייטער וויסן וויל, מעג אין דעם אויבנדערמאָנטן ספר לייענען און אין אַנדערע ספרים). די אַנדערע ספרים מיינט ביי איר מוסר־ספרים.

וועגן צוויי אָריגינעל אין יידיש געשריבענע מוסר־ספרים שרייבט זי שוין, אַז ניט מע „מאג״ אין זיי לייענען, נאָר זי בעט די קינדער בפירוש צו לייענען די דאָזיקע ספרים. דאָס זיינען ספרים פון איר תקופה, וואָס זיינען געוואָרן די פאַרשפּרייטסטע ביכער אין פאָלק. פינקטלעכער וועט זיין צו זאָגן, אַז די ביכער זיינען פון איר אייגענעם יאָרהונדערט. דאָס ערשטע בוך איז: משה אַלטשולערס „בראַנטשפּיגל״ (סוף 16־טן יאָרהונדערט; די עלטסטע אויסגאַבע, וואָס איז אונדז באַקאַנט איז די באַזעלער פון יאָר 1602. דאָס צווייטע — איז יצחק בן אליקומס „לב טוב״ (דערשינען אין יאָר 1620, אין פּראָג).

ווען מרת גליקל רעדט וועגן די אומפאַרשטענדלעכע דרכים פון דער השגחה און פאַרוואָס מע דאַרף זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף דעם אייבערשטן, ברענגט זי ווי אַ משל די מעשה מיטן קעניג, וואָס האָט געצאָרנט אויף זיין דאָקטער און אים געהייסן פּייניקן. אָבער דער דאָקטער איז געבליבן ביי זיינע כוחות און האָט אַליץ אַריבערגעטראָגן מחמת ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף גאָטס חסד, וואָרן גאָט איז

אן אל רחום וחנון. נאָכן באַטאַנען דעם נמשל פון דעם משל, זאָגט אָן מרת גליקל אירע קינדער:

„ליבי קינד איך מאגי מיך ניט ווייטר איין לאזין דען איך קעם זונשטין אל צו טיף הנין אונ׳ ווערין מיר י׳ ביכר ניט גינוגין, לייאט אים טייטשין בראנד שפיגיל אים לב טוב, אודיר דער לערנין קאן אין ספרי מוסר פינדיט מאן אליש אין".

(ליבע קינדער, איך מעג מיך ניט ווייטער אריינלאָזן, אַניט וואָלט איך צו טיף אריין, און ס׳וואָלטן מיר י׳ (צען) ביכער ניט געווען גענוג. לייענט אין טייטשן (יידישן) „בראַנט־שפּיגל", אין „לב טוב", אָדער, ווער לערנען קאָן, אין ספרי־מוסר. דאָרטן געפינט מען אַלץ.)

מרת גליקל האָט אָנגעזאָגט אירע קינדער און קינדס־קינדער צו לייענען מוסר־ספרים. זי איז געווען זיכער, אַז פון אירע רייד קען מען ניט לערנען קיין מוסר. פּונקט ווי אירע שטילע טרערן האָבן זי געפירט צו אַ תחינה־ניגון, צו תחינה־ווערטער, — אַזוי האָט כמעט יעדע זאַך אין איר באַשרייבונג געפירט צו אַ מסקנה. און די מסקנה איז דאָך געווען דאָס, וואָס זי האָט געטראַכט און געפילט. און אַלע אירע געדאַנקען און געפילן האָבן געפירט צו איין מקור, צו גאָט ברוך הוא. האָט זי טאַקע ניט געהאַט אין זינען צו שרייבן דברי־מוסר. אָבער קיין אַנדערע ווערטער ווי דברי־מוסר האָט זי ניט געהאַט, ניט אין אירע מחשבות, ניט אין איר הארצן. און ווי נאַטירלעך קומען ביי איר אַרויס אַזעלכע אויסדריקן, ממש כלאחר יד:

„דיזוש ביטי איך מייני ליבי קינדיר זייט גידולדיג. שיקט אייך המקום ב"ה איין שטראף נעמט אליש מיט גידולד אן אונ׳ הערט ניט אויף צו ביטין אולי ירחם". (ז. 12).

(דאָס בעט איך, מיינע ליבע קינדער, — זייט געדולדיק. שיקט אייך גאָט (המקום) ברוך הוא אַ שטראָף, נעמט אָן אַלץ מיט געדולד, און הערט ניט אויף צו בעטן, אפשר וועט ער זיך דערבארמען.)

אָדער:

„דאר פון זאלין מיר לערנין אונ׳ אליש דען ליבין גאט אהיי׳ שטעלין״ (ז. 133).

(דערפון זאָלן מיר לערנען און אַלץ לאָזן צום ליבן גאָט.)

ווי פריער דערמאָנט — דער שטראָם מוסר־רייד איז גע־וועז דער אינעווייניקער מקור פון איר געמיט, פון איר לעבן. איז איידער זי איז צוגעקומען צו באַשרייבן איר לעבן אין די זכרונות, זיינען צו איר פעדער פריער ווי אַלץ געקומען מוסר־רייד. און איר איז טאַקע גאָרניט איינגעפאַלן, אַז דאָס זיינען מוסר־רייד. פאַרקערט, זי איז געווען זיכער, אַז זי פריידיקט ניט, אַז זי לערנט ניט קיין מאָראַל. אָבער פון זיך אַליין האָט געשטראָמט אַ מוסר־סטיל, אַ מוסר־געמיט און, צוזאַמען מיט זיי, אויך מוסר־ווערטער.

מרת גליקל הייבט אָן צו באַשרייבן איר לעבן ערשט אין צווייטן ספר. אינעם ערשטן ספר איז טאַקע אַלץ מוסר־געוויין און מוסר־רייד. אין בעסטן פאַל האַלט זי דאָרטן אין איין מצדיק את הדין זיין. צומאָל איז אפילו שווער צו באַשטימען, וואו זי שרייבט מוסר־רייד און וואו זי איז מצדיק את הדין.

איר באַגריף וועגן גאָט און וועלט זעען מיר אינעם גאַנג פון די געשעענישן, וואָס קומען פאָר מיט איר און איר משפחה. פון איין זייט יראה, טיפע פרומקייט, אַ טיף געפיל

פאַר ערלעכקייט און רחמנות. פון דער צווייטער זייט — דאָס שווערע לעבן פון יידן אין דייטשלאַנד אין 17־טן יאָרהונדערט. זייער דרך־ארץ פאַר עשירות, פאַר יחוס. אָבער דאָס מוז גיין האַנט אין האַנט מיט ערלעכקייט און פרומקייט. זייער עקאָנאָמיק איז אַ באַגרענעצטע. בלויז געוויסע שטעגן זיינען פאַר זיי אָפן אין דער גרויסער וועלט פון ניט־יידן. און אויף די דאָזיקע שטעגן און סטעזשקעס מוז דער ייד זוכן זיין שטיקל ברויט. אָבער אַרום און אין דעם אַלעם איז פאַראַן אַן אָרדענונג, אַ באַשטימטער איינשטעל, און אַ קלאָרער אידעאַל. און דאָס איז די יידישע מאָראַל. אַ ייד דאַרף מיט אַלע כוחות שטרעבן צו לעבן ווי גאָט האָט געבאָטן. און אין אַלץ זיך פאַרלאָזן אויף גאָט. גאָט איז אַ פאָטער, ער שטראָפט אמאָל, אָבער אַלץ ווי אַ פאָטער. און דערצו — גאָט איז אַן אל רחום וחנון.

דאָס ערשטע ספר זכרונות איז ניט קיין אַנדער זאַך ווי אַ חקירה מכוח גאָר הויכע געטלעכע ענינים. עס מאַכט ניט אויס, וואָס זי שרייבט וועגן זיי אויף אַ זייער פשוטן, באַרעדעוודיקן אופן. דאָס איז דאַך, אייגנטלעך, דער נוסח פון אַלע מוסר־ספרים. זיין צוגענגלעך, מע זאָל עס קענען גרינג באַנעמען און געדענקען — דאָס איז דאַך געווען די כוונה פון יעדן מחבר, וואָס האָט געשריבן אַ מוסר־ספר. און כדי קלערער צו געבן פאַרשטיין אַן עניין, האָט מען זיך אפילו באַנוצט מיט בעלעטריסטיק: משלים אָדער מעשות. דאָס זיינען געווען די אילוסטראַציעס צום געדאַנק. מיט אַזעלכע משלים און מעשות זיינען פול אַלע מוסר־ספרים.

וועגן איר לעבן, ווי פריער דערמאָנט, שרייבט זי אין צווייטן ספר. אין ערשטן ספר באַקענען מיר זיך מיט אירע געדאַנקען וועגן לעבן, מענטשלעכן גורל, וועגן תורה און דעם אייבערשטן.

דער הויפט־נעדאנק פון ערשטן ספר איז: די תורה און גאָט ברוך הוא. די תורה לערנט אונדז ווי צו דערזען און באַגרייפן אַלץ, און ווי אַזוי זיך איינקויפן אַ חלק לעולם הבא, וואָס דאָס איז דער ציל פון אונדזער לעבן. און גאָט, קענן ווע־מען מיר האַלטן אין איין זינדיקן, דאַרפן מיר דינען בכל נפשנו ובכל מאדנו.

„...מיר ארמי קינדיר מיר זינדיגין קיגן אונזיר הימלישין פאטיר אלי צייט אלי שעה אלי רגע, אָביר דער גרוישי גיטיגי הימילשי פאטיר לאט אונש דאך דורך זייני גרוישי בארימ־הערציקייט ווישין ווען מיר שוין דערמיט עבירות ביזילפירט זעגין, אונ' דאז מיר אים מיט גאנטצין הערטצן אן רופין אונ' תשובה אויף אונזיר עבירות טוגין נעמט ער אונש פיל איאיר ווידר אן אליש איין מענשליכר פאטיר זיין ביז קינד...” (ז. 7).

(מיר אָרעמע קינדער, מיר זינדיקן קעגן אונדזער הימלשן פאָטער יעדער צייט, יעדע שעה, יעדע רגע. אָבער דער גרויסער הימלשער פאָטער לאָזט אונדז דאָך, דורך זיין גרויסער באַרמ־האַרציקייט, ווישן, ווען מיר זיינען שוין זייער מיט עבירות באַשמוצט. און ווען מיר קערן זיך צו אים מיטן גאַנצן האַרצן און מיר טוען תשובה אויף אונדזערע עבירות, נעמט ער אונדז אָן אַ סך שנעלער, ווי אַ מענטשלעכער פאָטער זיין בייז קינד.)

און גלייך דערנאָך קומט דער מוסר־אויספיר:

„דארום מיין הערץ ליבי קינדיר זייט אייך ניט מייאש ח"ו פון תשובה, תפילה און צדקה צו טון. דען דעם גרוישן גאט זיין בארימהערציקייט איזט גאר גרויש”.

(דערפאַר, מיינע האַרצליבע קינדער, זייט אייך ניט

מייאש פון טאָן תשובה, תפילה און צדקה, דען די באַרמהאַר־ציקייט פון דעם גרויסן גאָט איז גאָר גרויס.)

מיט עטלעכע זייטן ווייטער רעדט זי שוין מער קאָנ־קרעט וועגן דעם גאַנצן ענין. אבסטראַקטע באַטראַכטונגען ווערן פאַרוואַנדלט אין מער קאָנקרעטע פּרטים. דאָ זעט מען שוין, ניט נאָר די מענטאַליטעט פון דער מוסר־זאָגערין, נאָר אויך די בפועל־ממש פאַרזאָגונגען ווי אַזוי מע דאַרף זיך פירן. דאָס זיינען שוין ניט גלאַט פרומע רייד, נאָר רייד וועגן הנהגה. מרת גליקל פּריידיקט שוין דאָ ניט קיין מאָראַל, נאָר זי פאַרזאָגט די קינדער ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך פירן, און זי פאַר־זאָגט עס אין באַשטימטע ווערטער, אין באַשטימטע פאָרמולעס:

„מיין ליבי קינדר זייט פרום אונ' גוט דינט גאט דען הערן מיט גנטצין הערטצין זוא וואול ווען עש אייך וואול גיט אליש ווען עש אייך ח"ו איבל גיט כשם שמברכין על הטובה כך מברכין על הרעה. שיקט אייך המקום ב"ה וואש צו זייט אייך ניט צו זעהר מצער גידענקט עש קומט אליש פון דען הערין שיקט אייך המקום ב"ה איין שטראף דאז אייך ח"ו קינדר נאהנטי פריינד אפ שטערבין זייט אייך ניט יותר כדאי מצער דען איר העט זיא יוא ניט בישאפין דער גרושי גאט דער זיא בישאפין האט ווען עש איהם גיפאלט נעמט ער זיא ווידר צו זיך".

(מיינע ליבע קינדער, זייט פרום און גוט, דינט גאָט דעם האַר מיטן גאַנצן האַרצן. אַזוי גוט ווען עס גייט אייך גוט, פּונקט ווי ווען עס גייט אייך, חס ושלום, ניט גוט. פּונקט ווי מע דאַרף דאַנקען פאַר דאָס גוטע, דאַרף מען אויך דאַנקען פאַר דאָס שלעכטע. שיקט אייך גאָט ברוך הוא עפּעס צו, זייט אייך ניט צופיל מצער. געדענקט, עס קומט אַלץ פון דעם האַר. שיקט אייך, גאָט ברוך הוא אַ שטראָף, עס שטאַרבן ביי

איך, חס ושלום, קינדער אָדער נאָענטע פריינד, זיים אייך ניט צופיל מצער, דען איר האָט זיי ניט באַשאַפן. דער גרויסער גאָט, וואָס האָט זיי באַשאַפן, נעמט זיי ווידער צו זיך, ווען עס איז געפעלט.)

ביז איצט האָבן מיר גענומען אירע מוסר־רייד — און בלויז אַ טייל — פון איר ערשטן בוך זכרונות. די דאָזיקע מוסר־אויספירן קומען ווי אַ פועל־יוצא פון אירע חקירות מכוח גאָטס דרכים. פון צווייטן בוך אָן, געפינען מיר ביי איר מוסר ניט דווקא בשעת זי פאַרפירט שמועסן מכוח דער השגחה פּרטית. אין די אַנדערע זעקס ביכער זכרונות פאַלן אַריין דברי־מוסר ביי אַנדערע געלעגנהייטן. די דאָזיקע גע־לעגנהייטן — טייל פון זיי — זיינען גאָר פאַרוועבט אין גאַנג פון געשעענישן. און מיטאַמאָל ענדיקט זיך אַ באַשריי־בונג אָדער אַ באַטראַכטונג מיט מוסר.

די דאָזיקע רייד — אַ הויז אין חקירה, ווי דערמאָנט — זעט מען אין צוויי אַנדערע פאַלן: א) געשעענישן, וואָס טראָגן אין זיך אַ מוסר־השכל; ב) מעשות, וואָס דינען ווי אילוסטראַציעס פאַר אירע געדאַנקען.

געשעעניש און מוסר

לאָזן הערן מוסר־רייד, נאָכדעם ווי זי גיט איבער אַ געשעעניש אָדער דערציילט וועגן עמיצן — דאָס איז דאָס סאַמע נאַטירלעכסטע און אָרגאַנישסטע אין איר שרייבן. עס קומט אויס מאָדנע — מע דערוואַרט ניט קיין מוסר־ווערטער, און פּלוצים — ווען זיי קומען־אויף, זעען זיי אויס אַזוי נאַ־טירלעך. ס׳דוכט זיך — אַנדערש האָט עס גאָר ניט געקענט זיין.

אָט דערציילט זי אין צווייטן בוך זכרונות (ז. 30) ווי אַזוי מע האָט איר זיידן, פון דער מוטערס זייט, דעם זייער חשובן און רייכן ר׳ נתן מעלריך אַרויסגעשיקט פון דעטמאָלד. ער האָט, מיט אַנדערע יידן, זיך באַזעצט אין אַלטאָנאַ, וואָס האָט דעמאָלט געהערט צו דענמאַרק. זיין מקום־מנוחה איז געוועזן ר׳ לייב הילדעסהיימס הויז. ר׳ לייב הילדעסהיימס

שווער איז געווען ר׳ נתן שפּאַניער, דער ערשטער ייד, וואָס האָט געקראָגן דערלויבעניש זיך צו באַזעצן אין אַלטאָנאַ.

רעדנדיק וועגן ליב הילדעסהיימען און זיין אשת חיל, דער גאָטספאָרכטיקער און געשעפט־פּעאיקער אסתר, גיט איבער מרת גליקל, אַז קיין גרויסע גבירים זיינען זיי ניט געווען. די נדנים, וואָס ער און זיין פרוי האָבן געגעבן זייערע קינדער, האָבן ניט באַטראָפן מער ווי 300 אָדער 400 רייכסטאָלער. דאָך האָבן זיי אויסגעפירט גאָר פיינע שידוכים. זיי האָט זיך איינגעגעבן צו קריגן אַזעלכע רייכע איידעמס ווי, למשל, ר׳ אליהו באַלין, וואָס האָט פאַרמאָגט אַ דרייסיק טויזנט רייכס־טאָלער, אָדער ר׳ משה גאָלדציער. און ווען זי דערציילט עס, — נאָכדעם וועגן זייער זון מהור״ר משה, דעם גרויסן גביר, וועגן זייער זון ר׳ ליפמאַן — פאַלט זי גאָר אריין אין אַזעלכע מוסר־רייד׳

„דז איך זולכיש דארום שרייב דאז עז עבין ניט אן דיא גרושי נדניות גילעגין איזט אליש וויא אין דיא זעלביגי צייטין צו ארזעהן איזט גיוועזין דאז לייט אירי קינדר האבין וויניק נאך גיגעבין אונ׳ גרושי עשירים גיוואָרין זיין״.

(דאָס איך אַזוינס שרייב דערפאַר, (צו ווייזן אייך), אַז עס איז אינגאַנצן ניט געגאַנגען אין גרויסע נדנים, ווי מע קען זען אין יענע צייטן, נאָר אַז מענטשן האָבן געגעבן קינדער ווייניק, און זיי זיינען געוואָרן גרויסע עשירים.)

עס איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף אַ באַשרייבונג אין דריטן ספר (ז. 79).

מרת גליקל גיט איבער די מעשה מיט זייער משרת מרדכי. מרדכי איז געווען אַ יונגערמאַן פון פוילן און ער

האָט גוט גערעדט פּויליש. האָט חיים האָמעל איִם געשיקט קיין דאַנציק צו האַנדלען מיט פּערל. מרדכי האָט זייער גוט אויסגעפירט זיינע געשעפטן אין דאַנציק. דאָך האָט ער דאָרטן ניט געוואָלט בלייבן. ער האָט זיך אומגעקערט קיין האַמבורג. מער האָט ער ניט געוואָלט פאָרן קיין דאַנציק, ניט געקוקט אויף דעם, וואָס חיים האָמעל האָט איִם זייער שטאַרק צוגע־רעדט דאָס צו טאָן. אַזוי ווי ער האָט זיך געקליבן בקרוב חתונה האָבן, האָט ער געוואָלט פאַרבלייבן אין דייטשלאַנד. ער האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, ער וועט אַרומפאָרן איִ־בער דייטשלאַנד און האַנדלען מיט וויין. וויפל מע האָט איִם ניט געפּרואווט איבעררעדן, ער זאָל זיך דערצו ניט נעמען, האָט עס ניט געהאָלפן. אויף איינער אַזאַ נסיעה, לעבן היל־דעסהיים, איז אַ רויבער איִם באַפאַלן און איִם דערהרגעט.

מרת גליקל האָט אין אַלץ געזען גאָטס האַנט. אין דעם איצטיקן אומגליקלעכן פאַל זעט זי אַ שטראָף פאַר אונדזערע גרויסע זינד. אַ גזר מן השמים האָט מרדכין אָפּגעהאַלטן פון פאָרן קיין דאַנציק און זיך פאַרנעמען מיט אַרומפאָרן איבער דייטשלאַנד. זי גיט איבער ווי אַזוי מע האָט איִם אַלץ גע־פּרואווט איבעררײדן, ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן פון קאָפּ זיין קרומען פּלאַן. אָבער קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן. באַמערקט דערביי מרת גליקל:

„אונ' עז שיינט דאז דער גוטי מענש אנדרי האָט מוזין אויז ריימן דען ווען אים גאָט זיין לעבין גילאזין העט זוא ווערר אפשר ר' יוד' אונ' יששכר כ״ץ צו איר עשירות ניט גי־קומין".

(און עס שיינט, אַז דער גוטער מענטש האָט געמוזט מאַכן פּלאַץ פאַר אַנדערע, דען ווען איִם וואָלט גאָט געלאָזן

האָבן זיין לעבן, וואָלטן אפשר ר׳ יודע און יששכר קאַץ ניט געקומען צו זייער רייכטום.)

ר׳ יודע בערלין (יאָסט ליפּמאַן) איז שפּעטער געוואָרן דער פינאַנציעלער אַגענט און דער צושטעלער פון איידלשטיי־נער ביים הויף פון גרויסן קורפירסט, און שפּעטער ביי זיין זון, דעם קורפירסט פרידריך דעם דריטן און קעניג פרידריך דעם ערשטן פון פּרייסן. ער האָט געהאַט גרויס איינפלוס אינעם הויף אין בערלין, און דער הויף האָט אים באַלוינט מיט אַ סך פּריווילעגיעס. דער דאָזיקער זייער רייכער און איינ־פלוסרייכער „האָף־יודע" האָט נאָך מרדכים טויט פאַרנומען זיין פּלאַץ אין חיים האַמעלס געשעפטן. חיים האַמעל האָט אים טאַקע גלייך פאַרגעלייגט צו פאָרן האַנדלען קיין דאַנציק. און ער איז גלייך אַהין אוועקגעפאָרן. דער דאָזיקער ר׳ יודע בערלין איז געקומען קיין האַמבורג אַ קבצן. זיין גאַנץ פאַר־מעגן איז באַשטאַנען פון בורשטין אין דעם ווערט פון צוואַנ־ציק אָדער דרייסיק רייכסטאַלער.

דערציילנדיק דאָס אַלץ, ווענדט זיך מרת גליקל מיט מאָראַליזירנדיקע ווערטער:

„נון מיין ליבן קינדר זעכט ווען דער גיטרייאר גאט איינים העלפין וויל וויא ער אויז וויניק קאן פיל מאכין אונ׳ אויז דען קטן קאפּיטאַל דאז ממש ניקש גיוועזין, אלזו ר׳ יודא צו זולכין גרויש עשירות גיקומען אונ׳ זאלכיר גרושיר מאן גיווארן איזט".

(נון, מיינע ליבע קינדער, זעט, ווען דער געטרייער גאָט וויל איינעם העלפן, ווי ער אויס ווייניק קאָן אַ סך מאַכן. און פון אַ קטן (קליינעם) קאַפּיטאַל, וואָס איז ממש גאָרניט גע־

ווען, איז ר׳ יודא געקומען צו אזא גרויס עשירות, און איז געוואָרן אזא גרויסער מענטש.)

דאָ און דאָרטן כאַפּן זיך ביי איר אַרויס ווערטער, וואָס זיינען שייך בלויז די באַציאונגען בין אָדם לחברו. דאָס איז אַ מין וועלטלעכע דידאַקטיק, רייד, וואָס שטאַמען ניט פון גלויבן אין גאָט, נייערט פון מענטשלעכער דערפאַרונג.

אין פינפטן בוך (ז. 203) דערציילט זי וועגן וואָס עס האָט זיך מיט איר און מיט דער משפחה געטראָפן נאָך איר מאַנס טויט. נאָך די שלושים איז קיינער צו איר ניט געקומען פרעגן, וואָס זי האָט בדעה צו טאָן. טאָמער האָט זי בעת די שלושים יאָ עמיצן באַגעגנט, האָט מען איר געהאַלטן אין געבן עצות, וואָס האָבן ניט געהאַט קיין שום ווערט. „אַפּוט־רופּסי׳ האָט בעלי זצ״ל ניט וואָלין זעטצין״ (אַפּוטרופּסים האָט מיין האַר זצ״ל ניט געוואָלט באַשטימען), איז נאָך די שלושים האָט זי איבערגעקוקט אַלע ביכער און זי האָט אויס־געפונען, אַז זי וועט דאַרפן אויסצאָלן חובות אין סכום פון צוואַנציק טויזנט רייכסטאַלער. זי האָט געוואוסט, אַז זי וועט עס קענען אַלץ באַווייזן, הגם זי האָט דעמלט ניט געהאַט מער ווי הונדערט טאַלער מזומן. אָבער ברענגען אַלץ אין אָרדענונג, דורכפירן אַן אויספאַרקויף פון אַלע סחורות — דאָס איז גע־ווען גאָר אַ שווערע זאַך דורכצופירן. אמת, אירע צוויי זין, נתן און מרדכי, זיינען איר געקומען צו הילף. אָבער זיי זיינען נאָך יונג געוועזן. האָט די אלמנה, באַלאָדן מיט יתומים, גע־מוזט דאָס אַלץ אויסטראָגן אויף אירע אייגענע פּלייצעס. איז ווען זי באַשרייבט עס אַלץ, מיט יאָרן שפּעטער, פאַרזאָגט זי אירע קינדער ווי אַזוי זיי קענען זיך פאַרלאָזן אויף פריינד:

„נון מיין ליבי קינדר שי׳ ותי׳ העט איר גילייאַנט וויא אייאַר ליבר פרומיר פאַטיר זצ״ל זיין אפּ שייד פון דיזיר זינ־

דיגי וועלט גינומען, אייאיר הירט אייאיר פריינט נון ליבי קינדיר גידענקט נון אידריר אויף זיך זעלבשטון, דען איר העט קיין מענשין קיין פריינט דאר איר אייך אויף פאר לאזין קענט אונ׳ אויב איר שוינט פיל פריינט העט אונ׳ איר זיא ח״ו אין דער נויט ברויכן זולט זוא קענט איר אייך דאך אויף קיין פריינט פאר לאזין״.

(נון, מיינע ליבע קינדער, זאָלן לעבן, האָט איר געלייענט ווי אייער ליבער, פרומער פאָטער זצ״ל האָט אָפּשיד גענומען פון דער דאָאיקער זינדיקער וועלט, אייער פאַסטעך, אייער פריינט. נון, ליבע קינדער, געדענקט, יעדער איינער (זאָל זיך פארלאָזן) אויף זיך אַליין. ווייל איר האָט קיין מענטשן ניט, קיין פריינד, אויף וועמען איר קענט זיך פאַרלאָזן. און אויב איר זאָלט שוין האָבן אַ סך פריינד, איז ווי נאָר איר וועט זיי חס ושלום דארפן האָבן אין אייער נויט, קענט איר זיך דאָך אויף קיין שום פריינד ניט פאַרלאָזן.)

דאָס זיינען ניכטערע רייד, וואָס זיינען יעדן מענטשן באַקאַנט. זיי געהערן צו יענעם טייל מוסר, וואָס זיין יסוד איז מענטשלעכער כאַראַקטער און מענטשלעכער אויפפיר אָן שום געטלעכע השפעות. אָבער אין די אַלע ניכטערע באַטראַכטונגען וועגן דעם מענטשנס נאַטור, רייסן זיך ביי איר על פּי רוב אַדורך פרומע רייד. זיי זיינען אונדז באַקאַנט שוין פון פריער. אָבער זי האַלט אין איין אָנטייטן אויף דעם, ווייל סוף כל סוף איז דאָס דער וועג פון טרייסט, וואָס אויף אים באַוועגט זיך דאָס גאַנצע באַשאַף — צו קומען אויף יענער וועלט, וואָס איז די וועלט פון אמת און צדק.

אין דעם זעלביקן פינפטן בוך, למשל, דערציילט זי וועגן דעם אומגליק, וואָס האָט געטראָפן ר׳ בער כהן, ווי מיר האָבן פריער דערמאָנט. ר׳ בער כהן האָט געגעבן אַ תקיעת־כף זיין

ווייב אויפן שטאַרבנדיקן בעט, אז ער וועט חתונה האָבן מיט דער פלימעניצע, וואָס האָט זיך ביי אים געהאָדעוועט. ער האָט דעם תקיעת־כף ניט געהאַלטן. און דער מלאך־המות האָט פאַר־שניטן די מקורבים, וואָס זיינען געווען דערמיט פאַרבונדן. און נאָכדעם ווי זי ברענגט אַ מעשה פון מוסר־בוך „יש נוחלין", רופט זי אוים צו אירע קינדער דברי־מוסר, וואָס קלינגען ווי ווערטער אין פאַרצווייפלונג אָדער ווי אַ הזהרה:

„ליבן קינדר אום גאָטיש ווילין, העט יראת שמים אין אייאיר הערטציר וואש איר בעולם הזה נים העט ווערט אייך המקום ב"ה כפל כפלים בעה"ב געבין, וויא ווען איר המקום ב"ה בכל לבבכם ובכל נפשיכם דינט ווי איך שונט צום עפטרין גידאכט מאג אויף דיזין ניט יותר פון שרייבין".

(ליבע קינדער, אום גאָטעס ווילן, האָט יראת שמים אין אייער האַרצן. וואָס איר האָט ניט אין ד ע ר וועלט, וועט אייך גאָט ברוך הוא געבן אויף יענער וועלט כפל כפלים. ווען איר וועט דינען גאָט מיט אייער גאַנצן האַרצן און מיט אייער גאַנצער נשמה, ווי איך האָבן שוין אָפט אייך געזאָגט און (איך) וויל וועגן דעם מער ניט שרייבן.)

מעשות און מוסר

ניט אַלע מעשות אין מרת גליקלס זכרונות געהערן צו דעם זעלביקן מין. פאַראַן סתם מעשות. אָבער על פי רוב דינען די מעשות ווי בולטע משלים, כדי קלאָר צו מאַכן אַ מוסר־געדאַנק אָדער אַן אויספיר. דורך זייער בילדלעכקייט ווירקן די מעשות ווי קאָנקרעטע און אויך ווי אינטימע ביישפילן. דער טרוקענער מאָראַל־געדאַנק איז בלויז אַ פאָרמולע, אַ פיקסירטע באַהויפּטונג. ניט נאָר געדענקט זיך עס ניט גלייך און בולט, נאָר עס איז מסוגל זיך אויסצואוועפן אין דעם זכרון פונעם לייענער. אָבער אַ מעשה, וואָס קומט אינאיינעם מיטן מוסר־געדאַנק שאַפט אַרום דעם אַ לעבעדיקע לופט, לעבעדיקע געשעענישן און אַ לעבעדיקן נמשל. דער לייענער זעט עס קלאָר און בולט. ער פאַרגעדענקט דעם אינהאַלט פון דער שיינער מעשה. און וואָס מער עסטעטישע ווערטן די מעשה האָט אין זיך, אַלץ טיפער נעמט ער זי אויף. זי הייבט אָן צו לעבן אַ באַזונדער לעבן,

א ווייטערדיק לעבן אין דער פאנטאזיע פון דעם לייענער. זי ווערט ביסלעכווייז איבערגעפורעמט, וואס שייך די געשטאלטן, ליכט, קאלירן, ריחות. דערביי קומט פאר אפילו א פארטיפונג אינעם עצם געדאנק פון דעם סיפור־המעשה. דעם דאזיקן מיטל האט מען גאנץ אפט אויסגענוצט אין די מוסר־ספרים. און דאס איז אייגנטלעך דער בעלעטריסטישער עלעמענט אין דער דידאקטישער, אין דער מוסר־ליטעראטור.

גלייך ביים אנהייב פון אירע זכרונות ברענגט זי משלים, בילדלעכע אילוסטראציע צו אירע געדאנקען.

ווען זי דערציילט די קינדער ווי אזוי מע מוז זיך האלטן אין די דינים פון דער תורה, וויל דאס איז אונדזער איינציקע רעטונג, ברענגט זי גלייך א מעשה מיט א שיף אויפן ים. איי־נער פון די ים־פארער האט זיך צופיל אריבערגעבויגן איבערן ראנד פון שיף און איז אריינגעפאלן אין ים. דער שיפער האט אים צוגעווארפן שטריק און אים געהייסן זיך האלטן פעסט אן די שטריק. און נאך דעם משל גייט זי גלייך איבער אין מוסר:

„אלזו מיר זינדיגי מענשין זענין אין דיזר וועלט גלייך אליש ווען מיר אין ים שווימטין. מיר ווישין אונש יוא קיין רגע עין זיכיר דאז מיר ארזויפין. אביר גאט דער אלמעכטיגי דער אונז מיט חסד ורחמים בישאפין גנץ אהן זינד מיר זולטין זיין. אביר מפני חטא של אדם הראשון האט דער יצר הרע בעו"ה אן אונש שולט גיוועזין ------------ אביר אונז מענשין די ברירה גיגעבין דאז מיר מיגין טון וואז מיר וואלין ביז ח"ו אודיר גוטיש".

(אלזא מיר זינדיקע מענטשן זיינען אין ד ע ר וועלט פונקט ווי מיר וואלטן אין ים געשוואומען. מיר ווייסן ניט קיין

אויגנבליק אויף זיכער צי מיר וועלן ניט דערטרונקען ווערן. אָבער גאָט דער אַלמאַכטיקער האָט אונדז באַשאַפן מיט חסד און רחמים. מיר זאָלן זיין איינגאַנצן אָן זינד. אָבער מחמת אָדם הראשונס זינד איז דער יצר הרע, פאַר אונדזערע גרויסע זינד, געוואָרן שטאַרק איבער אונדז ------------ אָבער אונדז מענטשן איז די ברירה געגעבן, אַז מיר זאָלן קענען טאָן בייז, חס ושלום, אָדער גוטס.)

ווען זי דערציילט, למשל, וועגן דער באַציאונג פון על־טערן צו קינדער, און פאַרקערט, ברענגט זי די מעשה וועגן דעם פויגל, וואָס האָט געהאַלטן אין אַריבערנעמען זיינע אומ־באַהאָלפענע קינדערלעך אויף דעם צווייטן ברעג ים. די ערש־טע צוויי פייגעלעך בעטן זיך ביים פאָטער, ער זאָל זיי בשלום אַריבערנעמען אויפן צווייטן ברעג, און זיי וועלן אים אָפּצאָלן מיט גוטן אויף דער עלטער. דער פאָטער־פויגל האָט זיי אַריינ־געוואָרפן אין ים, ווייל זיי האָבן געזאָגט ליגן. דאָס דריטע פייגעלע האָט ער אַריבערגעפירט בשלום, ווייל עס האָט געזאָגט דעם פאָטער, אַז ער וועט אים אויף דער עלטער ניט קענען העלפן, עס וועט מוזן העלפן זיינע אייגענע קינדער.

און זי ענדיקט די מעשה מיט די ווערטער:

„דאר זיכט מאן יוא וואול דאז גאט האט דען און פאר ניגפטיגן פוגיל אין גיגעבין דאש זיא אירי יונגין ארציאין אונ' זיכט מאן אך וויא איין אונטר שיד איזט וויא עלטירן זיך אום אירי קינדר במיאין אונ' זיא מיט גרושי זורגפעלט ער־ציאין, אביר ווען די קינדר אלזו פיל צרות אונ' זורג פון אירי עלטירן זולטין האבין וויא בלד זולטין זיא עש מיד ווערין”.

(דערפון זעט מען, אַז גאָט האָט דעם אָנשיקלדיקן (אומ־

פארגינפטיקן) פויגל איינגעגעבן, אז זי אירע יונגיטשקע וועט דערציען; און מע זעט (דערפון) אויך וואָס פאַר אַ אונטער־שייד עס איז, ווי עלטערן באַמיען זיך וועגן זייערע קינדער און דערציען זיי מיט גרויס זאָרגעוודיקייט. אָבער די קינדער וואָלטן געהאַט אַזויפיל צרות און זאָרג פון זייערע עלטערן, ווי גיך זיי וואָלטן דערפון מיד געוואָרן.)

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז איידער זי הייבט אָן צו דער־ציילן אַ מעשה, אָדער פאַנאַנדערוויקלען אַ משל, שילדערט זי געשעענישן אָדער באַטראַכטונגען. די מעשה אָדער דער משל דינען בלויז ווי אַזוי בילדלעך צו קאָנקרעטיזירן דעם געדאַנק און ווירקן אויף דער איינבילדונג. זי פאַרענדיקט אָבער די מעשה אָדער משל מיט אַן אויספיר, מיט מוסר־רייד, מיט אָנווייזונגען ווי מע דאַרף זיך פירן.

פאַראַן אָבער ביי איר מעשות, וואָס דינען גאָר ניט ווי אַ בילדלעכע אויפקלערונג פון אַ פריערדיקן געדאַנק. דאָס פערטע בוך הייבט זי אָן מיט דערציילן, אַז איר טאָכטער חנה איז אויפגעוואַקסן און איז גאָר אַ קלוג קינד געווען, וואָס וועגן דעם וועט זי אפשר ווייטער באַריכטן. און גלייך נאָך אָט־דעם ערשטן זאַץ וויקלט זי פאַנאַנדער אַ מעשה, וואָס האָט קיין שום שייכות ניט מיט דעם דאָזיקן אָנהייב וועגן איר טאָכ־טער חנה. און די מעשה הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אין דער זעלבי צייט איזט איין אושטיניש שיף וואור אויף גאר פיל רוואַי דימאַנטין גיוועזין המלך מדעני מרק צו הנדין גיקומן זועלכיש תוך גליקשטאַט גיוועזין אונ' איין אידריר בויטש גיזעל האט דימאַנטין גיהאַט". (אין דער זעלביקער צייט איז אַן אָסט־אינדישע שיף, וואָס אויף איר (וואָר אויף) זיינען געווען גאָר אַ סך רויע דימענטן, געקומען אין די הענט פון דעם קעניג פון דענמאַרק, וואָס איז אין גליקשטאַט געוועזן. און יעדער מאַטראָס (בויטש גיזעל, שיף־יונג) האָט געהאַט די־

מענטן). גלייך נאָך דעם, דערציילט זי ווי אזוי צוויי יידן האָבן געוואוסט, אז א בירגער פון נאָרוועגיע האָט אריינגעקראָגן א סך פון די דאָזיקע רויע דימענטן. זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזן קיין נאָרוועגיע, אויסגעפינען, וואו ער וואוינט. זיך באַקענט מיט אים, גענעכטיקט אין זיין הויז, און ארויסגעגנבעט די דימענטן אין מיטן נאכט. אין דער פרי האָט דער באַלעבאָס זיך געכאַפּט, אז מע האָט אים באַגנבעט, האָט ער זיך געלאָזט גלייך נאָך די גנבים. פאַרנדיק איבערן ים צוריק, האָבן די גנבים דערזען, אז מע יאָגט זיך נאָך זיי. און ווען ס׳האָט געהאַלטן גאָר שמאָל, האָבן די גנבים אריינגעוואָרפן דעם אוצר אין ים אריין. ווען מע האָט זיי פאַרכאַפּט, האָט מען זיי שרעקלעך געמאַטערט און געפייניקט, ביז זיי האָבן זיך מודה געווען. איינער פון די גנבים האָט זיך געראַטעוועט דורך דעם, וואָס ער האָט זיך תיכּף געשמדט. דער צווייטער האָט זיך ניט געוואָלט שמדן און ער האָט פאַרלאָרן זיין לעבן.

מרת גליקל באַמיט זיך אים דן לכּף זכות זיין. ער האָט געקענט ראַטעווען זיין לעבן, אָבער ער האָט ניט געוואָלט בייטן זיין אמונה. איז דאָס קידוש־השם. זי קען זיין משפּחה. ער אַליין, ווי אַלע אין דער משפּחה, איז געווען זייער א פרומער און ערלעכער. ער איז מן הסתם פאַרפירט געוואָרן פון דעם אנדערן חבר זיינעם, וואָס האָט אזוי גרינג אויסגעביטן דאָס רענדל, ווי נאָר מע האָט אים געשטעלט פאַר א נסיון. דער קדוש, שרייבט זי ווייטער, איז זיכער אין גן־עדן. ער האָט זיך איינגעקויפט א חלק לעולם הבא אין איין שעה. ער האָט דערפילט דאָס געבאָט — „בכל נפשך”. און הגם געלט האָט געשפּילט א גוואַלדיקע ראָלע אינעם לעבן פון די דייטשישע יידן אין גליקלס צייט, און זי אַליין האָט געהאַלטן אין טראַכטן אינעם נוסח פון אזויפיל און אזויפיל רייכסטאַלער, שרייבט זי פונדעסטוועגן מוסר מכוח דעם ענין:

„המקום ב"ה ווערט בוודאי זיין קידוש השם האבין און גינומין אונ' זוא וואול העט קענין דער פון קומין אליז זיין חבר אביר מקיים גיווייזן בכל נפשך אלז בוודאי מיתתו איין כפרה על כל עוונותיהו גיוועזין, דארום זאל זיך איין אידריך איין עקסעמפיל נעמין אונ' זיך ניט פום יצר הרע לאזין פאר פירין פון וועגין דען ביטריפטין געלט".

(גאָט ברוך הוא האָט זיכער אָנגענומען זיין קידוש־השם. ער האָט דאָך געקענט פון דעם ארויס (זיך ראַטעווען) אַזוי גוט ווי זיין חבר. אָבער ער האָט מקיים געווען בכל נפשך, און אַזוי איז אוודאי זיין טויט געווען א כפרה פאַר אַלע זיינע זינד. דערפאַר זאָל זיך יעדער אַן עקסעמפּל (אביישפּיל) נעמען, און זיך ניט לאָזן פאַרפירן פונעם יצר־הרע צוליב דעם שמוציקן (נעבעכדיקן) געלט.)

זי באַנוגנט זיך ניט מיט די נאַרוואָס געבראַכטע ווער־טער. עס גייט ביי איר אַוועק אַ גאַנצער פּלפּול וועגן דעם ענין געלט און דינען גאָט. זי דערקלערט, אַז דינען גאָט מיט דער גאַנצער נשמה איז ניט גענוג. ווען עס קומט זיך מוסר־נפש צו זיין על קדושת המקום, געהערט עס צו יעדן יידן — „צו געדענקען און צו טאָן". אָבער עס שטייט אויך: מיט דיין גאַנצן פאַרמעגן. דאָס איז דאָס געלט, וואָס מיט אים דאַרף מען די־נען גאָט. און פון דעם, פירט זי אויס, איז געדרונגען, אַז מע דאַרף געבן אַ סך צדקה.

גלייך נאָך דער דאָזיקער מעשה מיט די צוויי גנבים און נאָך דעם גאָר לאַנגן פּילפּול, מיט דורכגעפלאָכטענע משלים און מעשות, דערציילט זי, אַז זי איז געלעגן איין קימפּעט מיט איר זון מרדכי און ווי אַזוי איר שווער האָט זיך אריבערגע־פּעקלט פון האמעל קיין הילדעסהיים, נאָך דעם ווי עס האָט זיך אויסגעלאָזט אַ טייך פון זיין פּלאַן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל

גלייך נאָכן אָנקומען פונעם „דערלייזער”, געמיינט שבתי־צבי.

עס איז באמת שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט מרת גליקל דערציילט די מעשה מיט די גנבים און דורכגעפירט דעם פּלפּול. דער גאַנצער ענין האָט קיין שום שייכות ניט מיט דער טאָכטער חנה און מיטן ניי־געבוירענעם זון מרדכי. עס ווייזט אויס, אז אַ חוץ דער נייגונג צו דערציילן מעשות, איז זי געווען איבערגעלאָדן מיט לעבנס־דערפאַרונגען און מיט אַ דאָרשט צו רעכטפאַרטיקן גאָטס דרכים. און, ווי געזאָגט, זי איז געווען באמת פרום, גאָטספאָרכטיק און אינגאַנצן דורכגענומען מיטן מוסר פון איר צייט.

מוסר דורך שילדערונגען

אויף אזויפיל איז מרת גליקל געווען דורכגעדרונגען מיט מוסר, אז זי האט עס ארויסגעוויזן אפילו דעמלט, ווען זי באלערנט בפירוש קיינעם ניט. דאס זעט מען אין איר אופן שילדערן מענטשן אדער סיטואציעס. פון זיך אליין ווערט די גאנצע שילדערונג באפארבט מיט איר עצם באציאונג צו מענטשן און מיט אירע באגריפן וועגן פרומקייט און יראה. און אין דעם לייענער ווערט עס בישלעכווייז פארוואנדלט אין א מיין. און דער מיין איז — זעט, אט איז א מוסטער, ווי אזוי א פרומער, גאטספארכטיקער ערלעכער מענטש זעט אויס. די ווירקונג איז דא זייער א שטארקע, ווייל זי איז א פארבארגענע, א ניט־באוואוסטזיניקע. און דער מוסטער בלייבט ווי איינגעקריצט אין זיכרון. ס'איז א מין מוסר אן מוסר־רייד, א דידאקטיק אן שום דידאקטישע כוונות. ס'איז מעגלעך, אז דאס איז דער זיכערסטער, ווייל דער פאר־

באָרגנסטער וועג, ווי אַזוי איינצופלאַנצן מחשבות אין מענטשן. און ניט נאָר, ווייל דאָס איז דער פאַרבאָרגנסטער וועג, נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז ניט קיין פאָראויס-באַשטימטער, פאָראויס-געמיינטער. ער דערנעענטערט זיך צו יענע מדרגות, וואָס פאַרוואַנדלען שילדערונגען אין קונסט. און דאָס איז די ווירקונג פון קונסט — באַאיינפלוסן אומבאַמערקט וועגן זאַכן, וואָס גייען טיפער אין אונדז אריין ווען מיר דערקלערן ניט, נאָר שילדערן.

ווען מרת גליקל דערציילט (ז. 69-70) וועגן איר מאַנס כאַראַקטער, גיט זי איבער ווי אַזוי ער האָט ליב געהאַט די משפחה, ווי אַזוי ער איז געווען איבערגעגעבן די אייגענע בני-בית מיט לייב און לעבן. „אונ׳ איזט זולכיר ליבר גיטרייאר פאַטיר פר אשתו ובניו גיוויזין דיא מאַן ווייניק גלייכענס פינדיט״ (און (ער) איז געווען אַזאַ ליבער, געטרייער פאָטער פאַר זיין ווייב און קינדער, וואָס מע געפינט ווייניק זיינס גלייכן). און אָט-דער מזג טוב איז געווען ווייט פון יאָגן זיך נאָך כבוד. ער האָט געלאַכט פון די, וואָס „נאָך זאָלכי זאַכין זענין גישטאַנדין״. בקיצור „ער איז איין רעכטיר אויז בונט פון איין פרוימן יהודי גיוועזין״ (ער איז געווען אַ רעכטער-מוסטער (אויסבונד) פון אַ פרומען יידן). און זי שילדערט ווי פרום ער איז געווען:

„איך וויים ווייניק ווען ער אך שונט גרושי רבני׳ זיין גיוועזין דיא איר תפילה זוא בכוונה גיטאַן גלייך ער וויא מיר וואול ביוואושט איזט ווען ער ע״ה אין זיין חדר גיוועזין אונ׳ זיין תפילה גיטאַן אונ׳ ווער אימיץ גיקומן אונ׳ אין וואר היין גירופין דאז איין גרושי מציאה ווער גיוועזין העט איך אודיר מיין גנץ הויז גזינד קיינר דאז לב גיהאַט אונ׳ צו אים גנגין אונ׳ אים וואור פון גיזאַגט דאז אים באמת פעם אחת וואז פאַר זוימט דאז כמה מאות הזיק גיוועזין אביר ער ע״ה אליש

ניט גיאכט אונ׳ זיינים גאט זוא טרייא גדינט אונ׳ פ׳לייסיג אן גירופין דער אים אך אליש האט כפל כפליים ווידר איין גיבראכט שנאמר בטחו בה׳ והי׳ ה׳ מבטחו, וואז דער ליבי מאן (ע״ה) פאר איין עניו וסבלון (?) גיוועזין איזט פינד מאן זיינש גלייכן ניט וואז אים אופט פון פריינד אונ׳ פרעמדי גישעהן אונ׳ אן גישטעלט איז גיווארין. אונ׳ אליש מיט גידולד אן גינומין דאז איך אופט בעו״ה מיין מענשליכיש שוואכהייט דאריבר גין לאזין אונ׳ אופט און גידולדיג דאריבר גיוועזין האט ער מיך ע״ה אויז גילאכט, אונ׳ גיזאגט דוא ביזט איין נערין, איך פאר טרויא גאט אונ׳ אכט דער מענשין ריד וויניק. זיין זכות זאל אונש בייא שטין בעה״ז ובעה״ב״.

(איך ווייס (פון) ווייניקע, ווען זיי אויך שוין גרויסע רבנים געוועזן, וואָס זאָלן האָבן ווי ער געטאָן תפילה מיט אזא כוונה. ווי מיר איז וואויל באוואוסט, אז ווען ער, עליו השלום, איז געוועזן אין זיין חדר און האָט תפילה געטאָן, און ווען עמיץ איז נעקומען און אים געוואָלט אָוועקרופן, אז אַ גרויסע מציאה איז געוועזן, האָב איך אָדער מיין גאַנץ הויז געזינד, קיינער האָט ניט געהאַט דאָס האַרץ און צו אים צו גיין און אים וועגן דעם זאָגן. דורך דעם האָט ער באמת איין מאָל פאַרזאַמט, אז ער האָט געהאַט הזיק עטלעכע הונדערטער. אָבער ער, עליו השלום, האָט האָט אַלץ ניט געאַכט און זיין גאָט אַזוי טריי געדינט און צו אים אַזוי פלייסיק גערופן, אַז ער האָט כפל כפלים ווידער אַריינגעבראַכט, שנאמר: בטחו בה׳ ויהי ה׳ מבטחו. וואָס פאַר אַן עניו און סבלן דער ליבער מאַן (ע״ה) איז געוועזן, געפינט מען זיינס גלייכן ניט. וואָס אים איז אָפט פון פריינד און פרעמדע געשען און צוגעוואָרפן (אויף אים אויסגעטראַכט), האָט ער אַלץ מיט געדולד אָנגענומען, אַזוי אַז איך האָב אָפט בעו״ה וועגן דעם געלאָזט אין גאַנג מיין מענטשלעכע שוואַכקייט און אָפט געוואָרן וועגן דעם

אומגעדולדיק (ארויס פון געדולד). האט ער, עליו השלום, מיך אויסגעלאכט, און געזאגט: דו ביסט א נאר. איך פארטרוי (זיך אויף) גאט און איך אכט ווייניק דעם מענטשנס רייד. זיין זכות זאל אונדז ביישטיין בעה״ז ובעה״ב.)

דא איז ניטא קיין שמץ דירעקטע מוסר־רייד. ס׳איז דא אבער א מוסטער פון א מענטשן. זי האט געשילדערט זיין פרומקייט אין דעם דאזיקן בילד, אן שום כוונות צו באווירקן עמיצן. זי האט בלויז געשילדערט, געשילדערט דעם מענטשן, וואס איז פאר איר געווען טייערער פון אלץ. אבער ווען דאס בילד איז פארענדיקט, פילט מען די ווירקונג. אזוי האט אויסגעזען איר מאן. אזוי האט אויסגעזען דער פרומער ייד ר׳ חיים האמעל. אזוי ד א ר ף אויסזען א פרומער ייד. אזא בילד בלייבט אין אונדז אין א מין רעמבראנטישן ליכט. ווייט אפגערוקט, טיף און לעבעדיק. און מחמת דער ווייטקייט און דער טונקלקייט — ממש מוסטערדיק, סימבאליש. און דאס פארגעדענקט זיך און בלייבט אין זכרון. לעבט אין אונדז א ווייטערדיק לעבן — ווי א מוסטער, אט ווי אזוי עס האט אויסגעזען און ווי אזוי עס האט געהאנדלט א פשוטער ייד, ר׳ חיים האמעל, א ייד, וואס האט אין זיין יסוד שביסוד געלעבט, לויט א העכערן חשבון.

אין דעם זעלביקן שאטנדיקן ליכט זעען מיר נאר א סך בילדער, וואס מרת גליקל שילדערט פאר אונדז. א תמימות־דיקע זאכלעכקייט ווייעט פון זיי. און איבערגעגעבן זיינען זיי אין א פשוטער שפראך, אין פשוטע ווערטער. און פלוצים דאכט זיך אויס, אז די ווערטער האבן אין זיך עפעס פון א טיפן מקור. זיי קומען פון א דורותדיקער טיפקייט, א טיפקייט, וואס פארלירט זיך אין תהום פון געשיכטע. און אט־אט־די טי־פערע המשכדיקייט, וואס שלאגט זיך אדורך אין די טונקעלע

בילדער, — דאָס איז אויך מוסטערדיק, עצמדיק און סימ־באָליש.

ס׳וועט זיין געגוג זיך אָפּצושטעלן נאָך אויף אַזאַ בילד. אויף ז. 38, אין צווייטן ספר, שילדערט מרת גליקל איר באָבעס טויט. גליקלס פֿאָטער, דער פּרנס פֿון דער האַמבורגער קהילה, האָט אַריינגענומען צו זיך אין הויז אַ צען קראַנקע פּליטים, יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פֿון כמעלניצקיס שחיטות (גזירת ת״ח ות״ט). ער האָט זיי באַזאָרגט בעטן אויפֿן בוידעם־שטיבל פֿון זיין הויז. די בני־בית זיינען אַרומ־געגאַנגען אַרום די קראַנקע. גליקל און איר שוועסטער עלקע־לע זיינען קראַנק געוואָרן, ווייל טייל חולאים האָבן געליטן פֿון אַנשטעקנדיקע קראַנקייטן. מער פֿאַר אַלעמען האָט זיך אָפּ־געגעבן מיט די קראַנקע די אַלטע באָבע, אַ זקנה פֿון פֿיר און זיבעציק יאָר. און ווען זי איז אַליין אַוועקגעפֿאַלן קראַנק, איז זי שוין מער ניט אויפֿגעשטאַנען פֿון בעט. צען טעג איז זי געווען קראַנק און זי האָט אויסגעהויכט איר נשמה ווי אַ צדיקית.

ווען מרת גליקל גיט איבער דער באָבעס לעצטן טאָג אויף דער זינדיקער ערד, שילדערט זי אַ סצענע ביים טויטן־בעט. אָבער דאָס בילד גופא וואַקסט־אויף מער דורך די רייד פֿון דער שטאַרבענדיקער זקנה און גליקלס פֿאָטער (ז. 37־38, ספר שני):

„מיין זון איך גיא איצונדיר דען וועג פֿון אלי מענשין. איך בין זוא לנג אין אייעיר הויז גיוועזין אונ׳ העט מיך גי־האַלטין אלש ווען איך אייאיר לייפליכי מוטיר וועהר גיוועזין. ניט דאז אליינט דאז איר מיר העט דאז בעשטי עסין אונ׳ טרינקן גיגעבין אונ׳ מיך בכבוד גיקלייט איר העט מיר נאך געלט דער צו גיגעבין. וואז האב איך מיט דען געלט גיטאן דאז האב איך מיר צו זאמין גיהיגט אונ׳ גישפּאַרט דאז איך ניט דאר פֿון גינומין אונ׳ אליש זוא נאך גיראד אויף קלייני משכנות פאר לעגט דאז איך און גיפער איין ר׳ ר״ט וועה

בייא אזמין האבין, נון וועהם זולטי דיזזוש ביליכר גיהערין אלש מיין ליבר איידים. דען עש איזט אליש פון דען זייניגין, אביר וועז מיין ליבר איידים וואלטי דאר אויף מוחל זיין, אונ׳ עש מיין צווייא ארמי עניקליך דען יתומים פון בני ר׳ מרדכי לאזין איך שטעל עש אין זיין בליבן ווי ער וויל אונ׳ דארבייא האט מוזין, ר׳ יודא אונ׳ ר׳ אנשיל אונ׳ אל איר קינדר אונ׳ איידימיר זיין אלזו האט איר אבי זצ״ל גיענטפרט, מיין ליבה שוויגער אונ׳ מוטיר איך ביט אייך זייט גירושט גאט וועדט געבן דאז איר נאך לאנג ביי אונש בלייבן ווערט אונ׳ דאז איר דאז געלט מויכט זעלבירט אויז טיילין אן וועם איר וואלט איך בין עז אייך פון הערטצין מוחל אונ׳ (וועז) הש״י ב״ה ווידר אויף העלפט זוא וויל איך אייך נאך מאה ר״ט דאר צו שענקין כדי איר מער רווחי׳ פון קריגן קענט אונ׳ דען מיט מכין קענט וואש אייך ביליביט. אליש נון מיין גרויש מוטיר דיזזוש מאבי ז״ל גיהערט איזט זי נעביך פול שמחה גיוועזין אונ׳ אין אונ׳ אמי ת״י אונ׳ זיין קינדיר אן גיפאנגין מיט אלי ברכות שבעולם צו בענשין אונ׳ פאר אלי לייט מספר בשבחה גיוועזין אונ׳ דען אנדרין טאג רוהיג אונ׳ זאניפט איין גישלאפין אונ׳ מיט גרושין כבוד צו קבורה קומין אלש וויא זי אך וואול ווערט איזט גיוועזין איר זכות זולין מיר אונ׳ אונזרי קינדר וזרע זרעינו גיניסן.״

(„ מיין זון, איך גיי איצט דעם וועג פון אלע מענטשן. איך בין אזוי לאנג אין אייער הויז געוועזן, און (איר) האט מיך געהאלטן ווי איך וואלט געווען אייער לייבלעכע מוטער. ניט דאס אליין, וואס איר האט מיר געגעבן דאס בעסטע עסן און טרינקען און מיך בכבוד געקליידט. איר האט מיר דערצו נאך געלט געגעבן. וואס האב איך מיט דעם געלט געטאן? דאס האב איך מיר אנגעזאמלט (צונויפגעשארט) און געשפארט, אז איך גארניט דערפון גענומען און אלץ אזוי נאך גראד אויף קליינע משכנות פארלייט. אזוי, אז איך וועל צוזאמען האבן

אומגעפּער צוויי הונדערט רייכסטאַלער. נון, ווען זאָל דאָס בילכער געהערן ווי מיין ליבן אײדים, ווייל דאָס איז אַלץ פון דעם זייניקן. אָבער ווען מיין ליבער אײדים וואָלט דאַרויף וועלן מוחל זיין, און עס לאָזן מיינע צוויי אָרעמע אייניקלעך, די יתומים פון בני (מיין זון) ר' מרדכי — איך שטעל עס אין זיין באַליבן (געפעלן) — ווי ער וויל". און דערביי האָבן גע־מוזט זיין ר' יודא און ר' אנשל און אַלע אירע קינדער און אײדימער. אַלזאָ האָט איר מיין פאָטער זצ"ל געענטפערט: „מיין ליבע שוויגער און מוטער, איך בעט אייך, זייט רואיק. גאָט וועט געבן, אַז איר וועט נאָך לאַנג ביי אונדז בלייבן און אַז איר דאָס געלט וועט אַליין אויסטיילן וועמען איר ווילט. איך בין עס אייך פון האַרצן מוחל. און ווען השם יתברך ברוך הוא וועט אייך אויפהעלפן, אַזוי וועל איך אייך דערצו שענ־קען נאָך מאה (הונדערט) רייכסטאַלער, כדי איר זאָלט פון דעם קענען קריגן מער רווחים און דערמיט מאַכן קענען, וואָס אייך איז באַליבט". ווי נאָר מיין גרויסמוטער האָט דאָס גע־הערט מאבי (פון מיין פאָטער) ז"ל איז זי געבליבן פול שמחה געוועזן, און אים און אמי תח"י (מיין מוטער, זאָל לעבן) און זיינע קינדער אָנגעהויבן בענטשן מיט אַלע ברכות שבעולם און פאַר אַלע לייט מספּר בשבחה געוועזן. און דעם אַנדערן טאָג איז זי רואיק און זאַנפט איינגעשלאָפן, און מיט גרויס כבוד צו קבורה געקומען, ווי זי עס וואויל ווערט געוועזן. איר זכות זאָלן מיר און אונדזערע קינדער וזרע זרעינו (און אונד־זערע קינדס־קינדער) געניסן.)

די אַלע מוסטערן זיינען אַ באַווייז ווי דורכגעדרונגען מיט מוסר און פרומקייט עס איז געווען די דורכשניטלעכע אם בישראל. און די מוסטערן זיינען ניט פאַראיינצלטע מוס־טערן, נאָר כמעט אַלע זייטלעך פון אירע זכרונות זיינען אַזוי. זיי זיינען אַזוי: בעת זי פאַרענטפערט און דערקלערט גאָטס וועגן, דאָס הייסט בעת זי איז מצדיק הדין; בעת זי גיט איר־

בער געשעענישן, וואָס טראָגן אין זיך אַ מוסר־השכל; בעת זי דערציילט מעשות, וואָס דינען ווי אילוסטראַציעס פאַר אירע אויספירן; און אפילו דעמלט, ווען זי שילדערט בילדער, אָן שום כוונות, אָן שום צילן. די דאָזיקע בילדערישקייט איז אינגאַנצן אַ יידישע. זי קומט פון אַ יידישן מקור, וואָס שטראָמט מיט ספּעציפישע יידישע אַטריבוטן: סימבאָליק, ליכט, שאָטן, און די אַטמאָספערע פון אַ יידישער פּסיכיק.

דער באַטייט פון גליקלס באַשרייבערישקייט

דער סוביעקטיוויזם און די פּערזענלעכע ליריק פון תחינות — דאָס איז געווען דאָס עמאָציאָנאַלע לעבן פון אַ יידיש פרויען־האַרץ. עס זיינען אָבער געווען גאַנצע קאָמפּלעקסן, וואו מע האָט באַדאַרפט אָנווענדן לאָגיסטיק. דאָס האָט מען באַדאַרפט טאָן, ווען מע האָט געוואָלט — אַ זיך, אַ אַנדערע — איבערגעבן דעם שכל פון דעם אייבערשטנס דרכים. רעכטפאַרטיקן דעם אייבערשטנס וועגן, מצדיק הדין זיין — האָט געפאָדערט לאָגיק, אַ חוץ אמונה. און די דאָזיקע שכלדיקייט איז געלעגן אין גרונט פון מוסר. דער טאָן, די שטילע ניגון־געוויינען זיינען געווען ריין־עמאָציאָנאַלע. אין אַ סך פאַלן זיינען זיי געווען אינגאַנצן איינגעהילט אין מרה־שחורה. אָבער די אויספירן פון געדאַנק זיינען געווען אינגאַנצן געבויט אויף לאָגיסטיק.

ביידע פּרטים — תחינה און מוסר — זיינען געווען די ירושה און דער גייסט, וואָס מיט זיי זיינען געווען דורכגענו־מען די פרויען פון די פריערדיקע יאָרהונדערטער. תחינה און מוסר זיינען געווען, אייגנטלעך, דער קנין פון גאַנצן פאָלק. און ווי יחידיש עס זיינען ניט געווען די באַזונדערע שאַטירונגען אין די געבעטן און אין די מוסר־רייד, זיינען זיי דאָך געווען דער אויסדרוק פונעם גאַנצן כלל.

די אייגנשאַפטן פון באַשרייבן זאַכן און געשעענישן — דאָס זעט אויס ניט ווי דער אויסדרוק פונעם כלל, נייערט פונעם יחיד. די נטיות פון דעם איינצלנעם שפּילן דאָ אַ גרוי־סע ראָלע. ניט יעדער מענטש וועט באַשרייבן זאַכן און געשעע־נישן אויף דעמזעלביקן אופן. אין באַשרייבונגען וועלן שוין די באַזונדערע כאַראַקטערן פון מענטשן זיך זען זייער בולט.

מיר האָבן אין די פריערדיקע קאַפּיטלען גערעדט וועגן מרת גליקלס אינעווייניקער געפיל־וועלט פון תחינות און איר געדאַנקען־וועלט פון מוסר. אָבער דאָס, ווי געזאָגט, איז ניט געווען איר אייגן פאַרמעגן. דאָס האָט זי געקראָגן פונעם כלל. דאַקעגן־זשע, אירע באַשרייבערישע אייגנשאַפטן — דאָס גע־הערט שוין צו איר אַליין. דאָס האָט שוין צו טאָן מיט איר אייגענעם כאַראַקטער, מיט איר כוח פון זען זאַכן און מיט איר אופן אויסדריקן דאָס געזעענע אין ווערטער.

דער איינדרוק פון גליקלס באַשרייבונגען איז, אַז זי קען באַצייכענען זאַכן אויף אַ לעבעדיקן אופן. זי קען מיט איין פּרט אָדער עטלעכע פּרטים שילדערן אַ בילד. למשל —

נאָך זייער טאָכטער צפּורהס חתונה אין קלעווע, האָ־לאַנד, האָט די משפחה האַמעל זיך געוואָלט אומקערן אַהיים אין האַמבורג. פּונקט דעמאָלט האָבן פּיראַטן באַלאַגערט די וואַסערן

און אויף דער יבשה האָט געווימלט מיט מיליטער. אויף אַזאַ אופן איז זיי אויסגעקומען זיך צו פאַרהאַלטן אין עטלעכע פלעצער צווישן אַמסטערדאַם און האַמבורג. ווען זיי האָבן זיך געפונען אַן ערך פערציק מייל פון האַנאָווער, האָט ר' חיים באַשלאָסן צוצופאָרן צו זיינע עלטערן. דאָרטן, אין האַנאָווער, וועט שוין די גאַנצע משפחה פאַרבלייבן ביז איבער סוכות.

בלויז אין עטלעכע שורות צייכנט פאַר אונדז גליקל דעם שווערס אויסזען (ז. 156):

„איזט אונש חמי זצ"ל אנטקיגן גיקומין אלש איין מלאך וויא אלי' הנביא מיט איין שטעקין אין דער הנט אונ' איין שני ווייסין בארט ביזקין אן זיין גערטיל אונ' זיין באקין ריצי רוים".

(איז אונדז מיין שווער זצ"ל אַנטקעגן געקומען ווי אַ מלאך, ווי אליהו הנביא, מיט אַ שטעקן אין דער האַנט און אַ שניי־ווייסער באָרד ביזן גאַרטל און זיינע באַקן פייער־רויט.)

ס'איז כדאַי זיך צוקוקן ווי אַזוי זי באַשרייבט די מחותנים, ר' מאַדיל דיין און זיין ווייב פעסעלע, וואָס זייער זון האָט חתונה געהאַט מיט גליקלס שוועסטער מאַטע (ז. 170):

„איזט ווסינטליך וואז דער ר' מאדיל דיין פאר איין איש חשוב גיוועזין איזט ואשתו פעסלי הצנועה אשר אין דונמתה בכל העולם בוודאי זינטר אמהות שרה רבקה רחל ולאה זיין גיוועזין ממש קיין אשה גיוועזין דיא אירש גלייכין גיהאט האט אין פרומקייט וחסדיות ובפרט דאז זיא איין אשת חיל גיוועזין אונ' המו"מ גפירט ובעלה ובניו רייכליך מחיה גיוועזין זוא וואול תוך וויין אליש דאז זיא צו ברלין

גיוואונט האבין דען הקצין מהור"ר מאדיל איזט אלי צייט איין בעטליגנדיגיר מאן גיוועזין דער וויניק מו"מ האט טון קענין דאך איין חכם מחוכם ע"ה גיוועזין דאר דיא גנצי וועלט האט ווישן פון אים צו זאגין אונ' איזט אך זער אן גינעם גי־וועזין אצל הקורפירשט יר"ה מבראניבורג וועלכר פעם א' גיזאגט באם דען מאן זיין פים זוא ווערין אליש זיין קאפף איזט זוא העטי ער קיין גלייכינש".

(עס איז באקאנט, וואס פאר א איש חשוב עס איז גע־ווען דער ר' מאדעל דיין און זיין פרום ווייב פעסעלע, וואס איר גלייכן איז זיכער ניטא אין דער גאנצער וועלט(אשר אין דוגמתה בכל העולם) זינט די אמהות שרה, רבקה, רחל ולאה. עס איז ממש קיין פרוי ניט געוועזן, וואס איז געווען אירס גלייכן אין פרומקייט, אין גאטספורכט ובפרט אז זי איז אן אשת חיל געוועזן און געפירט דאס געשעפט (משא ומתן). זי האט איר מאן און זיינע קינדער רייכלעך דערנערט (מחיה געוועזן) אזוי וואויל אין וויין ווי ווען זי אין בערלין האט געוואוינט. דען הקצין מהור"ר מאדעל איז שטענדיק א בעטלינגדיקער מאן געווען, וואס האט געקענט ווייניק טאן משא־ומתן. דאך איז ער ע"ה געווען א חכם מחוכם, אז די גאנצע וועלט האט געוואוסט צו זאגן און ער איז אויך באליבט געווען ביים קורפירשט יר"ה פון בראנדענבורג, וועלכער האט איין מאל גע־זאגט: ווען ביי דעם מאן וואלטן די פים געוועזן ווי זיין קאפ איז, וואלט צו אים ניט געווען קיין גלייכן.)

כדי צו ווייזן מרת גליקלס פעאיקייט צו מאלן פארטרעטן, האבן מיר אנגעוויזן אויף די נארוואס־דערמאנטע באשרייבונ־גען. די דאזיקע פעאיקייט איז אירע אן אייגענע. זי קער זיך שוין ניט אן מיט די קאלעקטיווע אייגנשאפטן, וואס זי ווייזט ארויס אין אירע תחינה־ווענדונגען און אין איר אויסלייגן אלץ לאגיש על פי מוסר.

צו אירע אינדיווידועלע פעאיקייטן געהערט אויך דאָס קענען שילדערן אַ זאַך אָדער אַ געשעעניש אין אַ באַשטימטן סדר. אמת, — פאַר אַ שילדערער איז דאָס דער ערשטער און וויכטיקסטער באַדינג. אָבער ניט אַלע שילדערער צייכענען זיך אויס מיט אַ חוש פאַר אָרדענונג. ניט ביי אַלעמען קומט די אָרדענונג על פי אינטואיציע. דאָס איז שוין אַן איינגעבאָרענע באַגרייפלעכקייט, אַן איינגעבאָרענע סענסיביליטעט. אַלע וויכטיקסטע עפּיזאָדן און געשעענישן, באַשריבן אין די זכרונות, פאַרמאָגן די דאָזיקע איינגעשאַפט. מרת גליקל איז ניט איינגעפאַלן, אַז זי שרייבט זכרונות פאַרן אַלגעמיינעם עולם. זי האָט דאָך געשריבן בלויז פאַר אירע אייגענע קינדער און קינדס־קינדער. האָט זי במילא ניט געהאַט קיין געפיל, אַז זי שרייבט פאַר אַן עולם לייענער. זי האָט זיך זיכער ניט באַמיט, אַז אירע באַשרייבונגען זאָלן זיין אין הסכם מיט די טעאָריעס וועגן אָרדענונג אין קאָמפּאָזיציעס. סיי־ווי — זי האָט אַזעלכע טעאָריעס גאָרניט געקענט. און זי האָט וועגן זיי ניט געוואוסט. דאָך זיינען אירע באַשרייבונגען „אין צייט" אַ מוסטער פון כראָנאָגראַפיע. דאָס זעט מען אויף טריט און שריט. גענוג צו דערמאָנען ווי זי באַשרייבט וועגן ר' חיימס פאַלן אויף אַ שאַרפן שטיין, זיין קראַנקייט, זיין גסיסה און זיין טויט (אָנהייב פינפטן בוך. זז. 194-200); די מעשה וועגן דער מגפה, די שרעק איבער דער קליינער טאָכטער צפורה, ווי אַזוי מע האָט דאָס קינד אָפּגעזונדערט און אַוועקגעשיקט הינטער דער שטאָט און ווי אַזוי שפּעטער האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז זי איז גאָרניט געווען אָנגעשטעקט מיט דער קראַנקייט (ספר דריי. זז. 83-93). אויפן זעלביקן שטייגער באַשרייבט זי דאָס שטורמישע שותפות מיט יהודה בערלין, דעם שפּעטערדיקן גרויסן יחסן און גביר (ספר דריי. זז. 107-121); אָדער איר זון לייבס שלימזלדיקע געשעפטן אין בערלין און ווי אַזוי זי האָט אים קוים מיט צרות אַרויסגעראַטעוועט פון פולשטענדיקן באַנקראָט (ספר פינף. זז. 211-230). אַלע גרע־

מערע געשעעניש האט מרת גליקל באשריבן אויף אן ענלעכן אופן. ווי גזאגט, זיי קענען דינען ווי מוסטערן פון כראנאגראפיע.

נאך שטארקער ווי דער חוש פאר אָרדענונג אין באשרייבן, איז ביי איר אן אנדער ליטעראַרישע אייגנשאפט: באשרייבן האנדלונג אזוי, אז דאס וויקלט זיך פאנאנדער פאר אייערע אויגן. די דאָזיקע אייגנשאפט קען מען באמערקן כמעט אין אַלע אירע באשרייבונגען. דאס איז אייגנטלעך דאס לעבן, וואס פּולסירט אין איר באשרייבן. צום בולטסטן זעט מען עס, למשל, אין אזעלכע עפּיזאָדן, וואס אין זייער עצם זיינען זיי גיט סטאַטיש. אהער געהערן: די באשרייבונג ווי אזוי מרת גליקל קערט זיך אום מיט אירע קינדער פון האמעל און שפּעטער פון האנאָווער קיין האמבורג, נאך דער מגפה. אין דער מעשה פיגורירן אירע באַגלייטער, באזונדערס דער „געשאָסענער" יאקאָב, וואס האט ליב געהאט דעם ביטערן טראָפּן, און זיין טרינק־חבר, דער פּאָסט־שליח, ווי אזוי זיי האבן אין דעם שרעקלעכן וועטער, מחמת זייער שיכורן, שיר ניט אומגליקלעך געמאכט דעם פאַרנדיקן עולם (בוך דריי, זז. 100-106). אהער קען מען צורעכענען אויך די מעשה מיט חיים האמעלס שותף משה העלמשטאט, וואס האט איבערגענומען די מינץ אין שטעטין, באשווינדלט ר' חיימען פון קאָפּ ביז די פיס און ניט מקיים געווען אפילו די שבועה, וואס ער האט אים געגעבן ביי א ספר־תורה. אינטערעסאַנט ווי אזוי גליקל באשרייבט די סצענע:

ווען דער שווינדלער משה העלמשטאט האט געזען, אז ער קען זיך שוין ניט ארויסדרייען, און אז ער מוז סוף־כל־סוף באווייזן זיינע חשבונות און מוז אויפדעקן דעם סוד, אז עס פעלט $500 רייכסטאַלער, האט ער זיך געווענדט צו ר' חיים האמעל:

„הער צו ברודיר איך זיך וואול דיר דער חשבון ניט געפאליט וויא איך דיך אך ניט פאר דענקין קאן, איך האב גיפעלט דאז איך דיר דאז דייניגי פאר שטאכין האבי. זורג ניט איך וויל דיר ח"כ מידי געבין זאל קיין שנה וחצי ווארין זאלשטו דיין פוליגין תשלום האבין אונ' דאר קום מיט מיר ארויף אין מיין שויל בעלי זצ"ל גיט מיט אין אנויף אין זין שויל וועלכיש ער בביתו גיהאט האט זוא נעמט ער דיא הייליגי ס"ת אויז דען ארון הקודש אונ' נעמיט זיא אין זיין ארים אונ' שווערט בייא אלי אותיות קדושת ושארי דברים דיא איך ניט בחנם שרייבין מאג ער וואלט לזמניהם ווען די ח"כ פאר פאלין זיין לבעלי זצ"ל ערליך ביצאלין".

(הער־צו, ברודער, איך זע וואויל, (אז) דיר געפעלט ניט דער חשבון. ווי איך קען דיך אויך ניט פארדענקען. איך האב געפעלט, מחמת איך האב דיר דאס דייניקע צוגענומען. זארג ניט, איך וועל דיר געבן פון מיינע אייגענע הענט א חילוף כתב (א וועקסל), און עס וועט ניט אריבער קיין אנדערהאלבן יאר (שנה וחצי), וועסטו קריגן דיין פעליקע תשלום (באצאלונג), און אט קום מיט מיר ארויף אין מיין שול. מיין מאן זצ"ל גייט מיט אים ארויף אין זיין שול, וואס ער האט געהאט ביי זיך אין הויז, דא נעמט ער די הייליקע ספר־תורה ארויס פון דעם ארון־הקודש און נעמט זי אין זיין ארעם, און שווערט ביי אלע אותיות קדושות און ביי אנדערע זאכן, די איך ניט מעג שרייבן בחינם, אז ער וועט מיין מאן זצ"ל ערלעך באצאלן לזמניהם, ווען די וועקסלען וועלן ווערן פעליק.)

מיר האבן זיך ביז איצט אפגעשטעלט אויף דריי זאכן. דאס ערשטע — מרת גליקל פארמאגט די פעאיקייט צו באשרייבן און שילדערן זאכן און געשעענישן. דאס צווייטע — זי שילדערט אלץ אין א לאגישן סדר מחמת זי האט אן איינגעבארענעם חוש פאר ארדענונג. דאס דריטע — זי מאכט גע־

שעעגישן לעבעדיק דורך דעם, וואָס זי באַשרייבט האַנדלונגען ווי זיי וואָלטן געשען פאַר די אויגן.

מיר האָבן דאָס אַלץ באַרירט, כדי צו באַטאָנען, אַז די דאָזיקע אייגנשאַפטן געהערן אינגאַנצן מרת גליקלס אייגן פאַרמעגן. דאָס זיינען אירע אייגענע אייגנשאַפטן.

פאַראַן אָבער אין אירע באַשרייבונגען עטלעכע כאַראַקטעריסטישע שטריכן, וואָס געהערן ניט אויסשליסלעך צו איר. זיי זיינען אַ פועל־יוצא פון דער גאַנצער קולטור און ציוויליזאַציע, וואָס זי האָט געירשנט פון דורות. און ווייל זי איז ניט קיין פּראָפעסיאָנעלע שרייבערין, מיטן באַוואוסטזיין פון אַ שרייבער, זיינען די דאָזיקע כאַראַקטעריסטישע שטריכן כמעט ווי אָביעקטיווע מאָסן, וואָס טייטן אָן אויף דעם כאַראַקטער פון דעם דורכשניטלעכן יידן.

פריער פאַר אַלץ וואַרפט זיך אין די אויגן דאָס, וואָס מרת גליקל אינטערעסירט ניט די דרויסנדיקע נאַטור. נאַטור־באַשרייבונגען וועט מען ביי איר ניט געפינען. דאָס קען מען גרינג דערקלערן דערמיט, וואָס זי האָט געשריבן אירע זכרונות, כדי ניט אַריינצופאַלן אין „מאַליקולישע געדאַנקען". איז איר וויניק־וואָס געלעגן אין קאָפּ צו באַשרייבן די דרויסנדיקע נאַטור. אויך קען מען עס דערקלערן דערמיט, אַז זי האָט געשריבן די זכרונות אין די שפּעטערדיקע, און די צוויי לעצטע ביכער, אין די עלטערע יאָרן. האָט זיך ביי איר אין זכרון ניט געקענט דערהאַלטן דער אינטערעס צו נאַטור און די בילדער גופא, וואָס זי האָט זיכער געזען אין איר לעבן. אויך קען מען עס פאַרענטפערן דערמיט, וואָס איר ציל אין שרייבן די זכרונות איז לכתחילה געווען צו „קירצן צייט" און אַיבערצולאָזן אירע קינדער אַ געדעכעניש, זיי זאָלן וויסן פון וועמען זיי שטאַמען.

דאָך איז עס מאָדנע. מרת גליקל פאַרמאָגט אַן אייזער־נעם זכרון פאַר פּרטים. זי געדענקט גענוי וויפל רייכסטאַלער מע האָט גענגעבן, אויסגעגעבן, פאַרלאָרן ביי פאַרשיידענע קניות, געשעפטן. זי געדענקט גענוי וויפל נדן דער האָט געגעבן און יענער האָט געגעבן. זי געדענקט וויפל יעדער איינער האָט פאַרמאָגט. זי געדענקט פּרטים בנוגע יחוס פון די משפּחות. זי געדענקט נעמען און ערטער, יאָרידן און מסחרים. זי באַשרייבט פּרטים וועגן הייזער און געשעענישן. אָבער באַשרייבן די נאַטור — דאָס איז איר ניט געלעגן אין קאָפּ. דאָ און דאָרטן וואַרפן זיך דורך עטלעכע שורות, שטריכן — אַלץ פאַרבייגייענדיק. אָבער די באַשרייבונג זאָל זיין אַ זאַך פאַר זיך — דאָס איז ניטאָ אין אירע זכרונות.

פאַראַן נאָך אַ סיבה פאַרוואָס מע האָט עס געקענט פון איר דערוואַרטן. זי שילדערט ניט איינמאָל זאַכן אָדער דער־ציילט מעשות, ניט מחמת זיי האָבן אַ שייכות מיט די געשעע־נישן אין די זכרונות. זי טוט עס מחמת צייט־פאַרטרייב. זי טוט עס אויך, מחמת דעם, וואָס ערגעץ־וואו, פאַרבאָרגן און אומבאַוואוסט, האָט אין איר געלעבט אַ קינסטלערישער אינס־טינקט. אין יענע יאָרן און אין איר סביבה האָט דער דאָזיקער אינסטינקט געלעבט אַ פאַרשטיקט און אונטערדריקט לעבן אין די פאַרבאָרגענע ווינקלעך פון דעם אונטערבאַוואוסטזיין. דאָך פלעגט אָטאָ־דער אָדער זיך פאַנאַנדערשפּילן אין אירע זכרונות — אפילו אין תחינה־געוויינען, אין טרויעריקע מוסר־טענער.

און אַז זי וואָלט געקענט באַשרייבן די נאַטור, קען מען בכלל זען אין אירע באַשרייבונגען. מע קען עס אויך זען אין אירע איינצלנע באַמערקונגען וועגן דער נאַטור.

ווען זי איז אַלט געווען צען יאָר איז פאָרגעקומען די

מלחמה צווישן דענמארק און שוועדן. די משפּחה פון לייב פינקערלע (מרת גליקלס פאָטער) האָט דעמלט ניט געהאַט קיין רעכט צו וואוינען אין האַמבורג. מע האָט זיי פון דאָרטן ארויסגעטריבן. האָבן זיי זיך באַזעצט אין אַלטאָנאַ, אַ פערטל שעה פון האַמבורג. אַלטאָנאַ האָט געהערט צו דענמאַרק. אין איר באַשרייבן יענע צייט געפינען מיר בלויז עטלעכע ווערטער וועגן ווינטער:

„אלזו באותו זמן זענין מיר תוך אלטנה גיזעסין אין אייטיל דאגות דען עש איזט גאר איין קאלטיר ווינטר גיוועזין דאז אין נ׳ שני׳ זוא קיין ווינטר איזט גיוועזין. מאן האָט אין דען שווידישן ווינטיר גיהיישין אלזו האט דער שוויד אליר וועגין קענין איבר קומין ווייל עש זוא הארט גיפראריין; איזט גיוועזין מיט איין מאלט אם שבת קומט דיא צעקה דער שוויד קומט איז נאך למחרות גיוועזין זענין נאך אים בעט גילעגין זענין מיר נעביך אלי אויז דען בעטין גישפּרונגין אונ׳ נאקדיק ונ׳ בלויז מיט אונז קינדיר אין מקום גילאפין“.

(אַלזאָ באותו זמן זיינען מיר געזעסן אין אַלטאָנאַ אין אייטל דאגות, ווייל עס איז גאָר אַ קאַלטער ווינטער געווען, וואָס אין פופציק יאָר איז אַזאַ ווינטער ניט געווען. מע האָט אים גערופן „דער שוועדישער ווינטער“. אַלזאָ דער שוועד האָט געקענט אריבערקומען אַלע וועגן, ווייל עס איז אַזוי האַרט געפראָרן געווען. מיט איין מאָל אום שבת קומט די צעקה: „דער שוועד קומט“. עס איז נאָך פרי (למחרות) געווען, זיינען מיר נאָך אין בעט געלעגן. זיינען מיר אַלע געשפּרונגען פון די בעטן און נאַקעט און בלויז מיט אונדז קינדער אין מקום (האַמבורג) געלאָפן.)

אירע שילדערונגען זיינען טיף דורכגעדרונגען מיט אמתן לעבן. זי גיט איבער שטימונגען אין אַ גאַנצער

קיינ געשעעניש. מע פילט אפילו די אטמאספערע, די לופט פון דער געגנט אדער פון געוויסע סעזאנען אין יאר.

ווען זי באשרייבט איר פארן פון האנאווער קיין האמ־בורג, פילט מען זייער דייטלעך דעם וועטער, וואס האט גע־הערשט אין יענער צייט אין יענער געגנט. פון האמעל ביז האנאווער האט זי און .אירע דריי קינדער באגלייט ר׳ חיים האמעלס פריערדיקער משרת אברהם קאנטאר. ווען זיי זיינען אנגעקומען קיין האנאווער האט אויף זיי דארטן געווארט דער „געשאסענער יאקאב״, וואס האט זיי געדארפט באגלייטן ביז האמבורג. ער איז גלייך אוועק צום ארטיקן פאסט־פארוואל־טער, „זיין געשווארענעם זויף־ברודער״, און האט מיט אים אפגעמאכט וועגן דער נסיעה קיין האמבורג. אויפן וועג האט ער אינגאנצן פארגעסן אין דער שבועה, אז ער וועט ניט שיכורן. ער און זיין זויף־ברודער האבן איבערגעלאזן די פארטיע אונטער א פאלשן אויסרייד און זיך אריינגעכאפט שי־כורן אין א דערבייאיק דארף. די פור איז ווייטער געפארן און גליקל האט אלץ געהאפט, אז דער „געשאסענער״ יאקאב און דער פאסט־פארוואלטער וועלן זיי אניאגן, ווי זיי האבן הייליק צוגעזאגט. דער פאסטיליאן, דער טרייבער, האט וויי־טער ניט געוואלט פארן ווי ביז דער צאל־גרענעץ, צוויי מייל פון האנאווער. דער פאסט־פארוואלטער האט אים אנגעזאגט זיך ניט רירן פון ארט אוןווארטן אויף אים. אבער דער פאר־וואלטער און דער „געשאסענער״ יאקאב האבן געשיכורט אין דעם דארף לאנגענהאגען א גאנצן טאג און א שטיק אין דער נאכט. דער צאל־באאמטער האט זיך מתרחם געווען אויף די פארלאזטע פארער און ער האט זיי אריינגענומען צו זיך אין ווארעמען צימער.

דורך דער גאנצער מעשה און אויך ווייטער, ביז זיי זיינען אנגעקומען קיין האמבורג, פילט זיך דאס ביטערע ווע־

טער, וואָס האָט אַזוי פּיינלעך געמאַכט די אומגליקלעכע נסיעה פון מרת גליקל און אירע בני־בית. דאָס פילט זיך דורך און דורך. אָבער זי אַליין באַשרייבט עס בלויז אין עטלעכע ווער־טער און, אַביסל ווייטער, אין עטלעכע שורות. אין אָנהייב שרייבט זי: „עש (עס) איזט גאר איין מיאום וועטיר גיוועזין". דאָס אַלץ. אָבער דורך דעם ווייטערדיקן גאַנג פון דער באַשריי־בונג לאָזט זיך פילן דאָס דאָזיקע „מיאום וועטער". אַביסל ווײַ־טער ווערט דאָס וועטער ווידער באַטאָנט. זי בעט זיך ביים פּאַסטיליאָן, ער זאָל ווייטער פאָרן, אריבער דער צאָל־גרענעץ. און אָט ווי זי באַשרייבט עס:

„אלז האב איך מיכם ביצאלט אונ' דען פאשטיליאן גיזאגט ער זולט פארט פארין דאז מיר בייא צייטין אין הער־בארג קעמין דען עש איזט איין וועטיר גיוועזין דאז מאן קיין הונט זולטי אויז יאגין עש איזט גיוועזין קיגן פורים צייט האָט עש זוא קליין גירעגינט אונ' גישניט אונטר אנאנדיר אונ' וויא עש פום הימיל אויף אונז גיפאלין איזט עש גיפרארין".

(אַלזאָ האָב איך באַצאָלט די צאָל און דעם פּאָסטיליאָן געזאָגט, ער זאָל ווייטער פאָרן כדי מיר זאָלן באַצייטנס אין אַ האַרבעריק קומען. דען עס איז געווען אַ וועטער, אַז מע האָט אַ הונט ניט געטאָרט אַרויסיאָגן. עס איז געווען קעגן פורים־צייט. עס האָט אַזוי קליין גערעגנט און געשנייט נאָכאַנאַנד. און ווי עס פון הימל אויף אונדז געפאַלן, אַזוי איז עס פאַרפראָרן.)

צו די דאָזיקע ביישפּילן קען מען, למשל, צוגעבן די עטלעכע שורות אינעם פערטן בוך (ז. 149) וועגן אריבער־פאָרן דעם דאָלאַרט בעת די משפּחה האַמעל איז געפאָרן פון צפורהס חתונה, וואָס איז פאָרגעקומען אין האָלאַנד:

„לאחר זה מיר גיצאגין מן אמשטארדאם לדולף זיאל מוז מאן איבר ים דאז הייסט דען דוליר דען דער שטערקשטי מענש דער דאז ים ניט גיוואונט איזט מוז דאר טוטי קראנק ווערין דען איזט גאר איין חולים אונ׳ דאז ספינה ווערט זער גירומפילט״.

(לאחר זה זיינען מיר אוועקגעפאָרן פון אמסטערדאַם קיין דעלפזיל. מוז מען דאָ אריבער דעם ים, וואָס הייסט דער דאָלאַרט, דען דער שטאַרקסטער מענטש, וואָס איז ניט צוגעוואוינט צום ים, מוז דאָרטן טויט־קראַנק ווערן. דען דאָס איז נאָר אַ ווירבל (אַ וואַסערווירבל) און די שיף ווערט געשלייּדערט.)

אין עטלעכע ווערטער, אין עטלעכע שורות קען זי שאַפן אַ הינטערגרונט, אַז מיר זאָלן אין דער הויפּט־באַשרייבונג פילן די נאַטור. אָבער די נאַטור גופא איז איר ניט געלעגן אין קאָפּ צו באַשרייבן. דער שטריך האָט געהערט ניט צו איר אַליין. דאָס האָט געהערט צום גאַנצן כלל, וואָס האָט געלעבט דעם זעלביקן ניט־זיכערן לעבן, פּאַרזונקען אין מורא, אין דאגות, אין די סאַמע דרינגענדיקסטע און באַלדיקסטע נויטן.

דעריבער איז ביי גליקל האַמעל ניטאָ קיין סתם באַשרייבונגען לשם באַשרייבונגען, אָדער לשם שיינקייט. מרת גליקל האָט אַ שאַרף אויג, ממש אַ קינסטלערישע האַנט. אָבער זי איז אין דעם לחלוטין ניט פאַראינטערעסירט. איר קאָפּ ליגט גאָר ניט דערביי, הגם די קינסטלערישע סטרונע צעשפּילט זיך אַמאָל. אויב זי באַשרייבט, שילדערט — איז עס כדי קלערער צו מאַכן אַן אַנדער ענין, אַ וויכטיקערן ענין. די באַשרייבונג גופא איז ביי איר אַ טפל און ניט דער עיקר.

צפורהס חתונה באַשרייבט זי ניט לשם באַשרייבן. דער

מאמעס האַרץ איז שטאַלץ מיט דעם יחוס, וואָס אין אים האָט זי זיך איינגעקויפט. דער גאַנצער גלאַנץ פון דער משפחה גאַמ־פּערץ פון קלעווע איז די גרעסטע פאַרזיכערונג, אַז איר טאָכטער וועט אויסמיידן אַ סך לײדן און אומגעריכטע קאַפּריזן פון גורל. מרת גליקל אַליין פילט זיך דערהויבענער ווען זי שיל־דערט די צערעמאָניע נאָך דער חופּה. זי פילט איר אייגענע ווערדיקייט, דעם נחת רוח פון אייגענער דערגרייכונג. אליהו גאַמפּערץ איז ניט געווען אַבי־ווער. ער איז געווען דער פּראָ־מינענטסטער ייד אין פּרייסישע פּראָווינצן. מע האָט אים רעס־פּעקטירט אין הויף פונעם קורפירשט פרידריך ווילהעלם פון בראַנדענבורג, און דער קורפירשט האָט אים פאַרטרויט פאַר־שיידענע פּאָליטישע מיסיעס אין האָלאַנד. און מיר פילן מרת גליקלס גליק און צופרידנקייט אין איר שילדערן די גאַנצע חתונה.

„נאָך דער חופּה האָט מאַן אַלי חשובים אין מחותני ר' אלי ז"ל זיין גרויש פּרונק חדר גיפירט וועלכי מיט גילדין לעדיר איזט בישלאַגין גיוועזין אונ' איזט איין גרוישר טיש דרינן גישטאַנדין וואור אויף כל מעדני מלך גיוועזין אַלזו האַט מאַן די חשובים לפי כבודיהם טראַקטירט. בני ר' מרדכי איז איין קינד לערך מן ה' שני' גיוועזין איזט קיין שיניר קינד תוך עולם ארזעהן וואַרדין אונ' מיר האַבין אין גאַר שין אונ' זויבר גיקליידיט אלי דאַז חשיבות האַבין אין שיר אויף גיפּרעסין ובפרט הפּרינץ יר"ה אין שטעטיש ביי דער האַנט גיהאַלטין וויא נון דיא חשובי' האַבין פון דיא קומפּעקטין אונ' פריכטין גיגעסין גם וואול פון יינות גיטרונקין האַט מאַן דען טיש לאַזין אָפּ נעמין אונ' הנויז גיטאַן זוא זענין וועלכי פאַר שטעלט הנין גיקומין אונ' זיך פריזינטירט גאַר שיז אונ' אליר האַנט פּאַסין גימכט, דיא צו אייניר ארגעצליכקייט גי־דינט האַבין צו לעצט האַבין די פאַר שטעלטי איין טויטין טאַנץ גימאַכט איזט זער ראַר גיוועזין". (ז. 147).

(נאָך דער חופה האָט מען אַלע חשובים אַריינגעפירט אין דעם מחותנס ר׳ אליהוס גרויס אויפנאַם־חדר (סאַלאָן), וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט גילדענעם לעדער, און אַ גרויסער טיש איז דאָרטן געשטאַנען, וואָס אויף אים זיינען געשטאַנען כל מעדני מלך. אַלזאָ האָט מען די חשובים מכבד געווען לפי כבודיהם. מיין זון ר׳ מרדכי איז געווען אַ קינד אומגעפער פון פינף יאָר (לערך ה׳ שני׳). עס איז קיין שענערס קינד תוך עולם (אין דער וועלט) ניט געווען צו דערזען. און מיר האָבן אים גאָר שיין און זויבער געקליידט. אַלע די חשובים האָבן אים שיר ניט אויפגעפרעסן, באַזונדערס (ובפרט) הפרינץ יר״ה האָט אים די גאַנצע צייט ביי דער האַנט געהאַלטן. ווי נאָר די חשובים האָבן גענאַסן פון די קאָנפעקטן און פרוכטן, גם וואויל פון די וויינען (יינות) געטרונקען, האָט מען דעם טיש געלאָזן אָפּנעמען (אַראָפּנעמען פון טיש) און אים אַרויסגעטראָגן. דאַן זיינען עטלעכע פאַרשטעלטע אַריינגעקומען און האָבן זיך פאַרגעשטעלט (פּרעזענטירט). גאָר שיינע און אַלערליי פּאָזן קאָמעדיעס האָבן זיי געמאַכט. דאָס האָט געדינט צום אַמוזירן זיך. צולעצט האָבן די פאַרשטעלטע געמאַכט אַ טויטן־טאַנץ, וואָס איז געווען זייער (ראַר) זעלטן.)

ס׳איז באמת ניטאָ קיין ספק, אַז מרת גליקל האָט געקענט שיין באַשרייבן, זייער פיין שילדערן בילדער. דאָך האָט זי דעם טויטן־טאַנץ גופא ניט געשילדערט. דאָס וואָלט פאַר אונדז געווען זייער „ראַר״. מיר קענען זיך פאַרשטעלן וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע און פינקטלעכע שילדערונג עס וואָלט אַרויס פון אונטער איר לעבעדיקער פעדער. אָבער איר האָבן לחלוטין ניט אינטערעסירט באַשרייבונגען פאַר זיך אַליין. און דאָס איז געווען דער נאַטירלעכער פועל־יוצא פון איר סביבה, און נאָך מער, — פון איר ירושה.

גייסטיקע שטריכן

פיזישע שטריכן האָבן ניט פאַרכאַפּט איר אינטערעס. אויב זי האָט יאָ געשילדערט איר שווער, בעת ער איז אַרויס־געקומען לעבן האַנאָווער צו באַגעגענען זיין זונס משפּחה, האָט זי אויך באַנוצט אַ מין גייסטיקע אַטמאָספערע אַרום דעם. איר סימבאָליק אין איר אונטערבאַוואוסטזיין איז גע־ווען אַזאַ. איז נאַטירלעך, אַז ווען זי האָט באַשריבן איר שווער, האָט זי אים געזען ווי אַ מלאך, ענלעך צו אליהו הנביא, מיט דער לאַנגער ווייסער באָרד ביזן גאַרטל.

ניט קיין פּיזישע, נאָר גייסטיקע שטריכן — דאָס האָט זי געזען. און זי האָט עס אַזוי געזען, ווייל דאָס איז געווען איר באַגריף וועגן זאַכן, דאָס איז געווען איר גאַנצער מהות. איז אויך איר סימבאָליק געווען אַזאַ. אויך אירע בילדער זייַנען געווען אַזעלכע. דאָס איז געווען די ירושה פון דורות.

עס איז כדאי זיך אפּצושטעלן אויף אירע פּאָרטרעטן. מיר קענען נעמען די פּאָרטרעטן פון די מענטשן, וואָס זיי־נען איר געווען זייער נאָענט. מרת גליקל האָט זייער אַ סך געהאַלטן פון איר מאַנס משפּחה. אין דעם צווייטן בוך פון אירע זכרונות דערציילט זי אונדז וועגן די מיטגלידער פון דער האַמעל־משפּחה. זיינען די פּאָרטרעטן פון די געשילדער־טע מיטגלידער פון דער משפּחה בלויז גייסטיקע פּאָרטרעטן. חומר־שטריכן וועט מען אומזיסט זוכן אין זיי. זיי זיינען פּשוט ניטאָ.

וועגן איר שוואָגער ר' אברהם האַמעל שרייבט זי אַזוי (זז. 62־63):

„דער אנדרי זון האב איך גיקענט איזט מלא תורה גי־וועזין כפלה הרימון. חמי זצ"ל האט איהן בחור ווייז לפולין גשיקט האט גילערינט אונ' איין מעכטיגין שם גיהאט אלז ער לשם איין חתן גיוואָרין אונ' תוך פוזנה איין חשובן שידוך גיטאן עם ר' חיים בועז מפוזנה זיין בת. לאחר חתנותו גאר פלייסיג גילערינט אונ' הולך ומתגבר גיוועזין דאז ער איין גרושיר חשוב בק"ק פוזנא איזט גיווארין אביר לאחר איזהו שנים אליש המלחמה עם האמעל גיוועזין דאז גנץ פולין אונ' אלי קהילות אונ' גרושי גזירו' גיוועזן איזט ער עם אשתו ובת אחת בעירום יבערי' יבחוסר כל הרויז לחמי קומן ------- ------ גיסי מהור"ר אברהם איזט ע"ה איין גרושיר למדן גיוועזין אונ' חכם מחוכם אביר גאר וויניק גירעט אביר ווען ער גירעט האט איזט דער הבל שיוצא מפיו לוויטר חכמה גי־וועזין האט מאן פרייא מעגין צו הערין ווען ער וואז גירעט האט".

(דעם אַנדערן זון האָב איך געקענט. (ער) איז געווען מלא תורה ווי אַן אויפגעבראָכענער מילגרוים. מיין שווער

זצ״ל האָט אים בחורווייז געשיקט קיין פּוילן. (ער) האָט (דאָרטן) געלערנט און אַ גרויסן (שם) נאָמען געהאַט. ער איז דאָרטן אַ חתן געוואָרן און אין פּויזן אַ חשובן שידוך געטאָן מיט דער טאָכטער פון ר׳ חיים בועז מפּויזן. נאָך זיין חתונה האָט ער גאָר פליסיק געלערנט און איז הולך ומתגבר גע־ווען (און אַלץ מער און מער גרעסער געוואָרן) אַז ער איז געוואָרן אַ גרויסער חשוב בק״ק פּוזנא. אָבער נאָך די דאָזיקע יאָרן, בעת עס איז געווען די מלחמה מיט כמעלניצקי (האמעל, כמעל), ווען גאַנץ פּוילן און אַלע קהילות זיינען געווען אין גרויסער נויט, איז ער מיט זיין ווייב און (אַ) טאָכטער געקו־מען צו זיין שווער נאַקעט און בלויז און אָן גאָרניט -------- ----- מיין שוואָגער מהור״ר אברהם איז ע״ה אַ גרויסער למדן געווען און אַ חכם מחוכם, אָבער ער האָט גאָר ווייניק גערעדט. אָבער ווען ער האָט גערעדט, איז דער הויך, וואָס איז ארויס פון זיין מויל (הבל שיוצא מפּיו) געווען לויטער חכמה. האָט מען געווים געמעגט זיך צוהערן ווען ער האָט וואָס גע־זאָגט.)

די אַלע שטריכן אין דעם פּאָרטרעט זיינען אינעווייני־קע. זיי שיינען ארויס פון ר׳ אברהם האמעלס גייסטיקייט. קיין פיזישע שטריכן גיט מרת גליקל ניט אָן. דאָך קריגן מיר אַ באַגריף וועגן דעם דאָזיקן שווייגנדיקן חכם און תלמיד־חכם. אַזוי זיינען אירע אַלע פּאָרטרעטן. ווען מע לייענט מיט קאָפּ וועגן יעדן יידן, וואָס זי באַשרייבט אביסל אויספירלעך, באַגעגנט מען דעמזעלביקן אופן באַשרייבן. אָט איז נאָך אַ ביישפּיל (ז. 66), וואו זי באַשרייבט איר שוואָגער ר׳ שמואל:

„מהור״ר שמואל האָט אַך תוך פּולין גילערינט, אַך איין אשה גינומען איין גרושי מיוחסת איין גרוישן רב זיין טאכטיר אָביו (?) האָט גיהייסן מהור״ר שלום איזט תוך לעמבורג אב״ד גיוועזין לקצר, איזט אך תוך פּולין גיוועזין אונ׳ ג״כ אין דער

מלחמה הרויז גיקמן אונ' אך ניקש מוט גיבראכט, אלזו אין חמי זצ"ל ג"כ זמן מה עם אשתו ובניו אויז גיהאלטין דאר נאך איזט ער פאר איין אב"ד הילדסום אויף גינומין ווארדין וואז זאל איך פיל שרייבן וואז דאז פאר איין חסיד אונ' איש קדוש גיוועזין איזט קאן איך ניט בישרייבן האט ממש הרגע מן מיתתו גוויסט דאר וויס נון גנץ הילדסום פון צו זאגין".

(מהור"ר שמואל האט אויך אין פוילן געלערנט. ער האט אויך אן אשה גענומען, א גרויסע מיוחסת, די טאכטער פון א גרויסן רב. איר פאטער האט געהייסן מהור"ר שלום. ער איז אין לעמבערג געוועזן דער אב"ד. קורץ, ער איז אויך אין פוילן געוועזן און גם כן (אויך) פון דער מלחמה ארויס־געקומען און אויך גארניט מיטגעבראכט. אלזא האט מיין שווער זצ"ל אויך דאס מאל אין דעם פאל אים אויסגעהאלטן מיט זיין פרוי און קינדער. דערנאך איז ער אויפגענומען געווארן פאר אן אב"ד אין הילדעסהיים. וואס זאל איך פיל שרייבן, וואס פאר א פרומער און הייליקער מענטש ער איז געוועזן קען איך ניט באשרייבן. ער האט געוואוסט ממש הרגע מן מיתתו (די רגע פון זיין טויט). דערפון ווייס איצטער צו זאגן גאנץ הילדעסהיים.)

עס איז כדאי זיך צוקוקן צו א פארטרעט פון א פרוי, וואס איז איר געוועזן גאר נאענט. איר יעדן שטריך האט מרת גליקל באזונדערס גוט געקענט. דאס איז דער פאר־טרעט פון איר טאכטער אסתר, וואס האט געוואוינט אין מעץ. אויך אין דעמדאזיקן פארטרעט זיינען ניטא קיין שום פיזישע שטריכן (ספר זעקס, ז. 302):

„דען שם דען בתי תי' גיהאט האט פון ארים אונ' רייך אין פרומקייט זיטיקייט אונ' אליר טוּגינד אין דער וועלט קאן איך ניט ארשרייבין איזט אביר אליש און מוטיג גיוועזין

איבר דעז פאר לושט דער פילי קינדר, זיך דאך אך זולכיש ניט פיל מערקין לאזין אין אירי הויז האלטונג נאר פאר זיכ־טיג קארג אונ׳ גינויא דאך ערליך אליש צו גנגין אלי צייט איין ר׳ אונ׳ איין בחור איבר אירן טיש גיהאט אונ׳ ארים אונ׳ רייך ציכט אונ׳ ער אן גיטאן דאש איך אלזו גינוגין אורזאך גיהאט העט מיך משמח צו זיין״.

(דעם שם, וואָס מיין טאָכטער תי״ה האָט גהאַט ביי אָרעם און רייך, אין פרומקייט, איידלקייט און אַלע גוטע מידות אין דער וועלט, קען איך ניט דערשרייבן. זי איז אָבער אַלע־מאָל אומעטיק געווען איבער דעם פאַרלוסט פון פילע קינדער. דאָך האָט זי אויך דאָס ניט געלאָזט פיל באַמערקן. אין איר הויזהאַלטונג איז זי גאָר שפּאָרעוודיק און גענוי געווען. דאָך איז אַלץ צוגעגאַנגען אין כבוד. אַלעמאָל האָט זי געהאַט ביי איר טיש אַ רבי און אַ ישיבה־בחור, און אָרעמע און רייכע האָט זי אָנגעטאָן „צוכט און כבוד״, אַזוי אַז איך האָב גענוג אורזאַך געהאַט זיך צו פרייען.)

איינער פון אירע שענסטע פּאָרטרעטן איז ווי זי שיל־דערט איר שוועד אין די קאַיאָרן אין האַמעל, בעת זי מיט איר יונגן מאַן זיינען געווען אויף קעסט ביי שווער־און־שווי־גער. ווי מיר האָבן פריער באַמערקט, — איז דאָס לעבן אין האַמעל דעם פערצן־יאָריקן ווייבל געווען ניט גאָר איינגענעם. האַמעל איז געווען אַ פאַרוואָרפן ווינקל אין פאַרגלייך מיט האַמבורג, וואו זי האָט פאַרבראַכט איר לעבן. די איינציקע טרייסט איז ביי איר געווען די וואונדערלעכע אינדערפריען, ווען זי פלעגט הערן דעם שווערס לערנען און דאַווענען (ספר שני. ז. 61).

„וואז פאר איין וואקריר מאן ער ע״ה גיוועזין איזט כמלאך אלקי׳. עז איזט ידועה לכל בני אדם וואז האמיל קיגן

המבורג איזט אונ׳ בין איין יונג קינד גיוועזין דאש אין אליין וואול לושט איזט אויף ארצאגין אונ׳ אין מיינר יוגינט פון מיין עלטרין פריינד אליש ביקאנטין אויז זוא איין מקו׳ אליש המבורג איזט אויף איין ישוב דאר נאר שני ב״ב גיוואונט. אונ׳ האמיל אן זיך זעלבשטין איין לומפין און לושטיג אורט איזט. אביר דאז אליש ניט גיאכט. דען נחת רוח וואז איך גיהאט האבי מחמי זצ״ל ווען ער למחרת אום קלאג ג׳ איזט אויף גישטאנדין אונ׳ אין זיין שול ראש איזט גיזעסין אונ׳ גיברומט זולכיש איזט דיכט אן מיין שלאף קאמיר גיוועזין האבי איך גנץ המבורג פאר געסין וואז דאז פאר איין איש קדוש ע״ה גיוועזין איזט״.

(וואָס פאַר אַ בראַווער מאַן, ער איז ע״ה געווען ווי גאָטס אַ מלאך. עס איז ידועה לכל בני אָדם וואָס האַמעל איז קעגן האַמבורג. און איך בין אַ יונג קינד געוועזן, וואָס איז געווען דערצויגן אין אַלע וואוילטיקן. און אין מיין יוגנט (אַוועק) פון מיינע עלטערן, פריינד און אַלע באַקאַנטע. פון אַזאַ אָרט ווי עס איז האַמבורג (אַריינגעפאַלן) אויף אַ ישוב, וואו נאָר צוויי באַלעבאַטים (צוויי יידישע משפחות) האָבן געוואוינט. און האַמעל פאַר זיך אַליין איז אַ לומפּיק אומלוסטיק אָרט. אָבער דאָס אַלץ האָט מיך ניט געאַרט. דעם נחת רוח, וואָס איך האָב געהאַט פון מיין שווער זצ״ל ווען ער פלעגט אויפשטיין דריי אַ זייגער פאַרטאָג, און איז אין זיין שולראָק געזעסן און געברומט. דאָס איז האַרט ביי מיין שלאָף־קאַמער געוועזן. האָב איך (דעמלט) פאַרגעסן אין גאַנץ האַמבורג. וואָס פאַר אַ איש קדוש ע״ה ער איז דאָס געוועזן.)

ווי דערמאָנט פריער, די דאָזיקע נטיה צו שילדערן בלויז גייסטיקע אייגנשאַפטן און ניט קיין פיזישע שטריכן — דאָס איז ניט געווען אויסשליסלעך מרת גליקס כאַראַקטעריסטיק.

דאָס איז געווען די כאַראַקטעריסטיק פון אַ קאָלעקטיוויער פסיכיק, וואָס זי האָט געירשנט.

מרת גליקל האָט אַליין פאַרמאָגט גרויסע באַשרייבערישע פעאיקייטן. אין אַ סך פרטים איז זי ממש אַ שרייבערקע. זי פאַרמאָגט פיינקייט און פּרעציזקייט. זי קען מאָלן און שיל־דערן. זי האָט אַ שאַרף אויג און אַ זיכערע האַנט. אָבער דער אופן ווי זי באַשרייבט, דער פסיכאָלאָגישער איינשטעל פון איר באַשרייבערישקייט — דאָס געהערט צו דער גרויסער דערפאַרונג פון דורות, וואָס מרת גליקל האָט אַריינגעזאַפּט אין זיך דורך דער יידישער ליטעראַטור. דער גייסט האָט געלעבט אין דער יידישער סביבה, אינעם יידישן שטייגער־לעבן. האָט געהאַט אין זיך אַלע אינטימקייטן און ספּעציפישע ניואַנסן פון דעם יידישן לשון און פון דער יידישער ליטעראַטור אין איר צייט. און פאַרקערט, דאָס יידישע לשון האָט עס אַלץ אָפּגעשפּיגלט, ווי מיר זעען עס אין דעם איצטיקן פאַל, אין גליקלס זכרונות.

דערציילערישקייט

מיר האָבן ביז איצט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער דורות־דיקער ירושה, וואָס די יידישע ליטעראַטור האָט פאַרזייט אין דעם יידנס, באַזונדערס, אין דער יידישער פרוים פּסיכיק. דאָס איז געווען: דער ליריזם פון דער תחינה, דער אינטעלעק־טואַליזם פון מוסר, און דאָס ספּעציפישע זען די וועלט מיט יידישע אויגן. דאָס לעצטע זענען מיר תופס פון גליקלס באַ־שרייבערישקייט. דאָס איז אַ וויכטיקער פּרט אין איר ירושה. ניט ווייניקער וויכטיק איז גליקל האַמעלס דערציילערישקייט.

דער אופן ווי אַזוי מרת גליקל גיט אונדז איבער עטלע־כע מעשות וועגן מלכים און פרינצן, פירט אונדז אַרויף אויפן געדאַנק, אַז זי האָט מן הסתם געקענט די ריטער־ראָמאַנען פון דער שפּילמאַן־תקופה.

ווי אזוי דער שפּילמאַנישער גייסט האָט געלעבט אין אירע איבערדערציילונגען, קען מען זען פון דעם, ווי אזוי זי גיט איבער די פּאָפּולערע מעשה וועגן אמנון און תמר. זי דערציילט עס נים ווי א יידישע, ווי א תנ"כישע מעשה. נאָך אירע רייד נאָך האָט זי „דיזוש מעשה אוזים לשון הקדוש אויף טייטשט אויז גישריבין". „אויז גישריבין" איז ניט „איבערגע־זעצט". עס איז גיכער „טראַנסקריבירט" אָדער „שריפטלעך איבערדערציילט". און אין דעם דאָזיקן איבערדערציילן מיט אייגענע ווערטער קלינגט עס אונדז ווי א מעשה אַרויסגענומען פון א ריטער־ראָמאַן, וואָס שטאַמט פון די אוניווערסאַלע טעמעס. דער מלך דוד איז ביי איר „איין מלך", ד. ה. ס'איז געווען אַ מאָל אַ מלך. ער איז פון „די אראבישי לענדיר איין מעכטיגיר מלך... ידידיה". אבשלום איז ביי איר אבדון. תמר, אבשלום־אבדונס שוועסטער, הייסט ביי איר דאַנילא. און אמנון איז ביי איר עמוניש.

עס איז טאַקע אַ חידוש, וואָס מרת גליקל האָט ניט געוואוסט, אַז די מעשה געפינט זיך אין תנ"ך. זי איז דאָך אזוי דורכגענומען מיט פּסוקים, געדאַנקען און בילדער פונעם אייביקן ספר. זאָל עס מיינען, אַז זי האָט דעם תנ"ך ניט גע־קענט גרינטלעך? זאָל עס מיינען, אַז זי האָט ניט געקענט גוט דאָס לשון פונעם ספר הספרים? און אַז דאָס גאַנצע לשון־קודשדיקע וואָרט־עשירות אין איר יידיש שטאַמט פונעם גע־רעדטן לשון אין איר צייט, און ניט פון איר געלערנזאַמקייט אין ספרים?

אַז זי האָט ניט געוואוסט די אמנון־תמר מעשה, אויף דעם ווייזן אָן ניט נאָר די פאַרביטענע נעמען, נאָר אויך אַ: עפּיזאָד, און אַ וויכטיקער עפּיזאָד. אין שמואל ב: י"ג ווערט אי־בערגעגעבן די דאָזיקע מעשה. שטייט דאָרטן בפירוש: „ויהי לשנתים ימים ויהיו גוזזים לאבשלום" (און עס איז געווען אין

צוויי יאָר אַרום, האָט מען געשאָרן ביי אבשלומען). מרת גליקל שרייבט ניט, „מע האָט געשאָרן ביי אבדונען־אבשלומען". זי שרייבט ווי עס פּאַסט טאַקע פאַר די ריטער־ראָמאַנען: „נון עש איזט איין צייט לנג דער נאך גיוועזין דאש דער אבדון איין גרושי יאכט אן גישטעלט". אַ יאגד, און ניט קיין שערונג.

די, וואָס זיינען געוואוינט צום נוסח פון די ריטער־ראָמאַנען אין דער שפּילמאַן־דיכטונג, וועלן תיכּף דערפילן דעם דאָזיקן נוסח אין מרת גליקלס מעשׂות וועגן מלכים און פּרינצן. זיי וועלן עס, למשל, דערפילן, ניט נאָר אין דעם עפּיזאָד „יאגד" אָנשטאָט „שערונג", נאָר אויך אין דעם עפּיזאָד ווי אַזוי די פּרינצן ווילן זיך ראַטעווען און כאַפּן זיך אַרויף אויף די פערד. און ווי כאַראַקטעריסטיש עס איז די פּראָזע, ווי דער קעניג האָט זיך זייער דערשראָקן און ווי ער „האָט אויפגעהויבן אַ גרויסן יאָמער". ס'איז כּדאַי צו ברענגען דעם ווייטערדיקן אָפּשניט פון גליקס איבערדערציילטער אמנון־און־תמר מעשׂה:

„בינעגניט איר איר ברודר אבדון אונ' זיכט דאז זיא זוא שרייאיט אונ' איר קיניגליכי קליידיר צו ריסין האט. זוא זאגיט איר ברודיר אבדון מיין שוועסטיר עש איזט דיר גיוויש לייט גישעהין אין דיין ברודירש הויז שווייג שטיל אונ' גיא אין מיין הויז ביז דאז איך מיך ווער אן דיין ברודיר גיראכין האבין אלזו דיא דאנילא נאך דעם זיא אירן ברודיר אבדון אליש ערצילט האט מיט שומף מוזין הין וועק גין, אוב דער קיניג שונט דיא זאך גיוואר ווארדין אונ' זער דאריבר ארגרימט גיוועזין זוא האט דאך די קיניגן דען עמוניש מוטיר עש זוא וויט גיבראכט דז דער קיניג וועגין דער גרוישי ליפשאפט דיא ער צו איר גיהאט דען עמוניש אליש פאר צייאט האט. אביר דאש קיניגש זון דער אבדון האט דיא זאך אין זיין הערטצין גיטראגין. נון עס איזש איין צייט לנג דער נאך גי־

ווען דאש דער אבדון איין גרושי יאכט אן גישטעלט אונ׳ אלי קיניגליכי פרינצין ווי אך זיין ברודיר עמוניש דאר צו גיפרייאיט, אליש נון צו אויבינד דיא יאכט אויז גיוועזין האט ער איין קעסטליכי מאל צייט גימאכט וויא זיא נון זענין אם בעשטין גיזעסין אונ׳ געסין אונ׳ גיטרונקין האט דער אבדון אויף זייני קנעכט גיוואונקין וועלכי איבער דען עמוניש גישפרונגין אונ׳ אין אומש חיות גיבראכט דא האבין זיך אלי קיניגליכי פרינצין ארשראקין אונ׳ זיך אלי צו פפערט גיזעצט אונ׳ איזט איינער צום קיניג גיקומין דער האט גיזאגט דאז אבדון העט אלי דאש קיניגש קינדר ארשלאגין וואזר איבער זיך דער קיניג זער ארשראקין אונ׳ גרושין יאמיר גיטריבן...״

(„...באגעגענט זי איר ברודער אבדון און זעט, אז זי שרייט אזוי און (אז זי) האט צעריסן אירע קעניגלעכע קליי־דער. איז זאגט איר ברודער אבדון: „מיין שוועסטער, עס איז דיר געווים ליד געשען אין דיין ברודערס הויז. שוויג שטיל, און גיי אין מיין הויז, ביז איך וועל נקמה נעמען אן דיין ברו־דער. אלזא, האט די דאנילא, נאכדעם ווי זי האט אלץ דער־ציילט איר ברודער אבדון, האט מיט שאנד געמוזט אוועקגיין. אויב דער קעניג איז שוין די זאך געוואר געווארן און ער איז דעריבער זייער דערגרימט געווען, אזוי האט דאך די קעני־גין, דעם עמונישעס מוטער, עס אזוי ווייט געבראכט, אז דער קעניג, מחמת דער גרויסער ליבשאפט וואס ער האט צו איר געהאט, האט עמונישן אלץ מוחל געווען. אבער דעם קעניגס זון, דער אבדון, האט די זאך אין זיין הארצן געטראגן. נון, עס איז געוועזן א צייט לאנג נאכדעם, און דער אבדון א גרוי־סע יאגד אנגעגרייט און האט דערצו איינגעלאדן אלע קעניג־לעכע פרינצן ווי אויך זיין ברודער עמוניש. ווי נאר צום אוונט האט זיך געענדיקט די יאגד, האט ער א רייכע מאלצייט געמאכט. ווי זיי זיינען נאך צום בעסטן געזעסן און גענעסן און גע־טרונקען, האט דער אבדון צו זיינע קנעכט געוואונקען, וואס

זיינען איבער דעם עמוגישן געשפּרונגען און אים גענומען דאָס לעבן. דאָ האָבן זיך אַלע קעניגלעכע פּרינצן דערשראָקן און אַלע האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף די פערד. און איינער איז צום קעניג געקומען. ער האָט געזאָגט, אַז אבדון האָט אַלע דעם קעניגס קינדער דערשלאָגן. האָט זיך דער קעניג זייער דערשראָקן און האָט אויפגעהויבן אַ גרויסן יאָמער...)

אַ חוץ די ריטער־ראָמאַנען האָט מרת גליקל געקענט אַ סך מעשׂות. טאַקע אין נוסח, למשל, פון „מעשה־בוך", „ספר נסים", מעשׂות, וואָס זיינען דורכגעוועבט אין די מוסר־ספרים אָדער האָבן געלעבט אינעם פאָלקס מויל. אזא מעשה איז די מעשה מיט דעם רופא. מרת גליקל האָט עס טאַקע גענומען פון אַ מוסר־ספר. זי שרייבט: „מצאתי מעשה בספר של הגאון מהור"ר אברהם בן מהור"ר שבתאי לוי שכתב בספרו מוסר. באם המקום איינים ח"ו צרות ויסורים צו שיקט איזט דיזיך טראנק גנץ גוט" (ז. 9). די מאָראַליסטיק פון דער מעשה געהערט טאַקע צום גאַנצן סכום מאָראַל, וואָס ליגט, איינגנטלעך, אין דער כוונה פון אַלע יידישע מעשׂות. דער רופא האָט זיך פאַרזינדיקט. דער קעניג האָט אים אַריינגעוואָרפן אין תפיסה. געהייסן אים אָנטאָן פאַרשיידענע נגישות, אים אויסהונגערן. און דאָך געפינט מען אים אין תפיסה פונקט אזוי געזונט ווי פריער, בעת מע האָט אים דאָרטן פאַרשפּאַרט. און ער ענט־פערט זיינע קרובים:

„מיין ליבי פריינד דאר איך אין דער תפיסה בין גיקומין האב איך זיבן ארלייא קרייטריך גינומין אונ' האבי זיא אונ־טיר אנאנדיר גימישט אונ' וואול צו שטויסן אונ' מיר איין טראנק פון גימאכט אונ' פון דען זעלבין טראנק טרינק איך אלי טאג איין וויניג אונ' דאז הילפיט מיר דאז מיר מיין פנים איזט ניט פאר ענדירט אונ' דאז מיין פלייש ניט מיר גימינ־

דירט אונ׳ דאז איך בייא מיין כח בין, אונ׳ קן די יסורי׳ אויז שטיהן, אונ׳ בין גנץ וואול צופרידין״.

(מיינע ליבע פריינד, ווען איך בין אין דער תפיסה גע־קומען, האָב איך זיבן־ערליי קרייטיכער (מיט זיך) גענומען און האָב זיי צוזאַמענגעמישט און גוט צעשטויסן, און מיר אַ טראַנק דערפון געמאַכט און פון דעמזעלביקן טראַנק טרינק איך אַלע טאָג אַביסל און דאָס העלפט מיר, אַז מיין פּנים איז ניט פאַרענדערט און דאָס מיין פליישׂ איז אויף מיר ניט געמינערט, און וואָס איך בין ביי מיין כוח, און איך קאָן די יסורים אויסשטיין, און בין גאַנץ וואויל צופרידן.)

און ער גיט איבער זיינע קרובים, אַז די זיבן קרייטיכער זיינען: די פאַרזיכערונג אויף הקדוש ברוך הוא, האָפענונג, געדולד, אייגזען די אייגענע עבירות, עולם הבא, אָננעמען אַלץ באהבה, און דאָס לעצטע — גאָטס הילף קען קומען יעדע רגע.

די ירושהדיקייט פון דער יידישער פאָלקס־ליטעראַטור מערקט זיך ניט נאָר אין מעשׂות. דאָס מערקט זיך אפילו אין דעם אופן ווי אַזוי מרת גליקל גיט איבער געשעעניש, וואָס זיינען זיך פאַרלאָפן אין איר צייט. זי האָבן שוין גאַרניט צו טאָן מיט מעשׂות. דאָך — אין דעם אופן ווי אַזוי זי גיט אי־בער די געשעענישן פילט מען דעם אָטעם פון דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אויסגעפורעמט אַ באַשטימטן נוסח.

אין אירע זכרונות דערציילט אונדז מרת גליקל וועגן צוויי מאָרדן אין האַמבורג. ביידע קרבנות זיינען געווען יידן. דער מערדער, אַ קריסט, האָט זיי אומגעבראַכט צוליב זייער געלט. די אומדערמידלעכע רבקה. ר׳ ליפּמאַנס פרוי, האָט דעם מאָרד אַנטדעקט און געזען מע זאָל איבערגעבן דעם מערדער אין די הענט פון דער גערעכטיקייט. דאָס איז געווען אַ גע־

שעענער פאַקט. מיט פאָלקס־שאַפונג האָט עס ניט קיין שום שייכות. דאָך, ווען מע לייענט עס אָבער אין מרת גליקלס זכרונות, דערמאָנט עס אין דער מעשה ווי אַזוי ר׳ יודא חסיד האָט מציל געווען די יידן אין רעגנסבורג פון אַ מאָרד־בלבול. די דאָזיקע מעשה וועגן ר׳ יודא חסיד געהערט צום רעגענס־בורגער ציקל מעשות, וואָס געפינט זיך אין „מעשה־בוך" (1602, באַזעל). אין דער רעגנסבורגער מעשה ווערט דערציילט ווי אַזוי צוויי קריסטלעכע מויערער ארבעטן ביי אַ יידן אין הויז. גנבענען דאָרטן דעם יידנס גאָלד און זילבער בעת ער איז אין שול. אין גאַנג פון דער גנבה דערהרגעט איין גנב דעם צווייטן, כדי ער זאָל האָבן די גאַנצע רויב. ווען מע גע־פינט אַ געהרגעטן דעם קריסט אין דעם יידנס הויז, זאַמלט זיך אַ גרויסער עולם קריסטן אין דער יידן־גאַס. באַלד פאַרשפּרייט זיך דער בלבול: יידן האָבן דערהרגעט אַ קריסט. ר׳ יודא חסיד האָט אויסגעשריבן אַ קמעי מיטן שם און ער האָט עס אריינ־געדרוקט דעם טויטן אין האַנט אריין. דער טויטער איז אויפ־געשטאַנען און אַ לעבעדיקער און האָט אָנגעוויזן אויפן אמתן מערדער.

אין מרת גליקלס זכרונות איז ניטאָ דאָס איבערנאַטיר־לעכע. אויך דער אינהאַלט איז מחמת דעם אַן אַנדערער. אָבער די ענלעכע שטריכן, — נאָכמער, — די סטיל־ענלעכקייט דער־מאָנען אונדז אין דער רעגנסבורגער מעשה.

אַזוי איז אויך דער פאַרפאַל מיט די צוויי גנבים אין נאָרוועגיע זייער ענלעך אין נוסח צו דער מעשה מיט די צוויי רויבער און זייער שטראָף, וואָס געפינט זיך אין „מעשה בוך" צווישן דעם ציקל געמישטע מעשות — טראַדיציאָנעלע, נאַ־ציאָנאַל־יידישע און פרעמדע.

קיין וואונדער איז עס ניט. מע דאַרף געדענקען, אַז דאָס

„מעשה בוך" איז אין 17־טן יאָרהונדערט געווען דאָס הויז־בוך אין יעדער יידישער משפחה, פונקט ווי דער מוסר־ספר „בראַנטשפיגל" און שפּעטער — דער „לב טוב".

אי אין אינהאַלט, אי אין נוסח, געהערן אירע דערציי־לונגען און עפּיזאָדן צו דער ליטעראַרישער ירושה פון די דורות ביזן 17־טן יאָרהונדערט. און צו זען אַז דאָס האָט זיך גע־צויגן אַריבער דעם 17־טן יאָרהונדערט, איז גענוג זיך צוצו־קוקן צום כאַראַקטער און צו דער קאָנסטרוקציע פון דער חסידישער מעשה און צו דער דערציייל־קונסט ביז צו אונדזע־רע היינטיקע טעג.

מרת גליקלס דערציילונגען, עפּיזאָדן און מעשות קען מען פאַנאַנדערטיילן אין פיר מינים: א) דערציילונגען פון פרעמדע קוואַלן; ב) זעלבסטשטענדיקע דערציילונגען; ג) שטאָף פאַר דערציילונגען; ד) לירישע נאַראַטיוון.

פרעמדע דערציילונגען

צו דער ירושה פון דורות געהערט אויך די נטיה גופא צו דערציילן מעשות. מיט עטלעכע דורות שפעטער האָט דער ראָמאַניסט ישראל אקסענפעלד אָנגערופן די דאָזיקע נטיה — „משעהנען". ער האָט דערמלט אין זינען געהאַט די חסידישע מעשה. און פאַרוואָר, די דאָזיקע נטיה צו „מעשהנען" האָט גע־לעבט אין יעדן יידן — פון זיין קינדהייט ביזן עלטער. אויך מרת גליקל האָט געהאַט אין זיך דעם אָדער פון אַ דער־ציילערין. אין אירע זכרונות זיינען פאַראַן פאַרשיידענע מינים מעשות. טייל זיינען משלים צו מוסר־רייד. דער מוסר קומט פאַר אָדער נאָך דער מעשה. טייל זיינען דערציילונגען וועגן מעשות שהיו, פאַקטישע געשעענישן.

אין דעם קאַפּיטל וועגן מרת גליקלס מוסר־דברים האָבן מיר אַרומגערעדט דעם ענין מוסר־רייד אין אירע זכרונות.

קיין מוסר־ספר אָדער מוסר־רייד האָט מרת גליקל ניט געוואָלט שרייבן. זי האָט זיך גענומען שרייבן זכרונות. זי האָט זיך געשראָקן פאַר די „מאַלקוּלישע" געדאַנקען אין די נעכט, ווען דער שלאָף איז ניט געקומען. אַ חוץ דעם — זי האָט געוואָלט, די קינדער זאָלן וויסן פון וועמען זיי שטאַמען. דאָך — אַ גרויסער טייל מעשות אין אירע זכרונות קומען צוזאַמען מיט מוסר־רייד. זיי זיינען, אייגנטלעך, משלים צו די מוסר־רייד. ווי מיר האָבן פריער געזאָגט: אירע מוסר־רייד זיינען צו איר געקומען אַזוי נאַטירלעך, אַז זי האָט אפילו דאָס אַליין ניט באַמערקט. דאָס איז געווען אין איר פּסיכיק. און אָן דעם האָט זי זיך ניט געקענט רירן. זי האָט אָן דעם ניט געקענט רעדן, עפּעס איבערגעבן אָדער עפּעס קלאָר מאַכן דורך רייד. איז די מוסר־רייד אין אירע זכרונות קען מען נאָך דערקלערן פּסי־כאָלאָגיש. אָבער פאַרוואָס האָט זי געפונען פאַר נייטיק אַריינ־צושרייבן אין די זכרונות אַזויפיל מעשות, וואָס זיינען געגאַנגען פון מויל צו מויל? זיי זיינען דאָך געווען באַקאַנט. האָט זי זיי באַנוצט באַוואוסטזיניק ווי אילוסטראַציעס צו אירע מוסר־רייד? איז דאָך בכלל אַ גרויסער ספק צי זי האָט גאָר געהאַט אין זינען צו שרייבן דברי־מוסר. דער ענטפער אויף דעם קען זיין: זי האָט געוואָלט פאַרברענגען די שלאָפלאָזע נעכט אין שרייבן. אָבער שרייבן גופא איז ביי איר געווען אַ וויכטיקער ענין. און זי האָט טאַקע געהאַט אין זיך דעם שרייבערישן טריב. בלויז אַזוי קען מען דערקלערן איר אַריינשרייבן אין די זכרונות איבערדערציילטע מעשות.

נאָך דעם ווי זי גיט איבער די מעשה וועגן אַלעקסאַנדער מוקדון, שרייבט זי (ספר 1, זז. 19־21):

„דיזי גשיכט שרייב איך ניט פאַר איין אמת עש מאג, נאך איין היידישער פאביל זיין איך האבי עש דרום היר אן גישטעלט די צייט מיר צו פאר קירטצין אונ' זיהן דאז לייט

אין דער וועלט גיבּיט די קיין רייכטום אכטין אונ׳ זיך אויף אירן בּישעפיר אלי צייט פאר לאזין. נון מיר האבין ת״ל אנדרי ספרי מוסר דאז מיר אלש גיטיש קעניז פון לערנין איך שרייב אייך דיזוש אך ניט פאר קיין ספר מוסר גשיכט נור וויא שוין גידאכט, דאז אויבינטש דיא לנגי נאכט דיא מאלקולישי גי־דאנקין מיט צו פאר ברענגין, בכו תבכה בלילה״.

(די דאַזיקע געשיכטע שרייב איך ניט ווי אַן אמת. דאָס מעג זיין אַ געצנדינערישע פאַבּל. איך האָב זי דערפאַר דאָ גע־שטעלט כדי די צייט מיר צו פאַרקירצן און צו ווייזן, אַז עס זיינען פאַראַן מענטשן אין דער וועלט, וואָס לייגן ניט קיין אַכט אויף רייכטום, און פאַרלאָזן זיך שטענדיק אויף זייער באַשעפער. נו, מיר האָבן, גאָט צו דאַנקען, אַנדערע ספרי־מוסר, וואָס מיר קענען פון זיי לערנען אַלץ וואָס איז גוט. איך שרייב אייך דאָס דאָזיקע אויך ניט ווי אַ ספר מוסר געשיכטע, נאָר, ווי שוין דערמאָנט, אין די אָוונטן, כדי ניט צו פאַרברענ־גען די לאַנגע נעכט מיט מאַלקולישע געדאַנקען. בכו תבכה בלילה — וויינען וויינט זי ביינאַכט.)

ווי דערמאָנט פריער — די מעשׂות מיט פרעמדע שטאָפן גיט זי אונדז מחמת דריי סיבות. איינמאָל — ווען זיי דינען ווי אַן אילוסטראַציע צו מאָראַל. אַן אַנדערש מאָל — ווען זיי טרייסטן זי — די, „וואָס וויינען טוט זי וויינען ביינאַכט״, בכו תבכה בלילה. און אויך — מן הסתם, ווען זיי באַפרידיקן איר שרייבערישן טריב. אַזאַ געפיל האָט אין איר ניט געלעבט באַוואוסטזיניק. אָבער אומבאַוואוסטזיניק — זיכער יאָ.

מע דאַרף אָבער געדענקען, אַז זי האָט ניט געקראָגן די דאָזיקע מעשׂות דורך פרעמדע שפּראַכן. זי האָט זיי געלייענט אָדער געהערט אין יידיש. מרת גליקלס שפּראַך איז אָנגעזעט־טיקט מיט העברעאישע עלעמענטן. פּסוקים פון תנ״ך און

זייערע פאראפראזן טרעפן מיר אויף טריט און שריט. גאנצע אויסדרוקן זיינען פארוואָרצלט אין יידישן טראַדיציאָנעלן לעבן ווי אויך אין יידישע ספרים. דאָך, — זי אַליין האָט ניט געקענט געגוג העברעאיש, צו גייענען פליסיק אין דעם לשון.

ווען זי גיט איבער אַ דערציילערישע מאָראַל־אילוסטראַציע פונעם ספר „יש נוחלין", גיט זי צו, אַז דאָס „מאַן מיר אויף טייטיש פיר גיזאָגט האט" (מע האָט עס מיר פאַרגע־לייענט אויף יידיש). טייטיש מיינט יידיש. אַליין לייענען דאָס ספר האָט זי ניט געקענט.

מרת גליקל האָט געקענט אַביסל האָלענדיש. זי ברענגט אָפּט אַ באַמערקונג וועגן דעם. אפשר האָט זי אויף דער על־טער געקענט רעדן פראַנצויזיש. זי האָט דאָך אירע לעצטע 24 יאָר אָפּגעלעבט אין מעץ. דייטש, ווייזט אויס, האָט זי געקענט לייענען און שרייבן. זי גיט אַליין איבער, בעת זי רעדט וועגן איר פאָטער (ז. 24): „זייני קינדיר זוא וואול זין אַלש טעב־טיר לאזין לערנין במילי דשמיא ובמילי דעלמא" (זיינע קינ־דער, די זין אַזוי גוט ווי די טעכטער, האָט ער געלאָזט לער־נען הימל־זאַכן ווי וועלט־זאַכן). צי זי האָט אָבער געקענט דייטש אַזוי פליסיק ווי יידיש איז שווער צו זאָגן. אפשר ניט. וואָרן איר גאַנצע בילדונג ענדיקט זיך ווען זי איז נאָך זייער יונג. צו פערצן יאָר האָט זי שוין חתונה געהאַט מיט חיים האמעלן און צו פופצן יאָר איז זי שוין געווען אַ מוטער. קאָן דעריבער געמאָלט זיין, אַז זי האָט די מעשות מיט פרעמדע שטאָפן געלייענט אין דייטש. ס'איז אָבער זיכער, אַז אַ סך מעשות פון פרעמדע קוואלן האָט זי געלייענט אָדער געהערט אין יידיש.

אין פארגלייך מיט אַנדערע בעלעטריסטישע עלעמענטן אין אירע זכרונות, דערציילט זי ניט צופיל אַזעלכע מעשות,

וואָס זיינען צו איר דערגאַנגען שוין פאַרטיקע. פאַראַן צווישן זיי קלענערע און גרעסערע דערציילונגען.

צווישן די קלענערע קענען מיר אויסרעכענען:

צוויי מעשות וועגן אלעקסאַנדער מוקדון. איין מעשה (זז. 19-21) — ווי אַזוי אלעקסאַנדער מוקדון האָט געהערט וועגן די גרויסע חכמים, וואָס האָבן געגעסן בלויז דאָס וואָס די נאַטור האָט זיי געגעבן און געטרונקען בלויז וואַסער. זיי האָבן ניט געהאַלטן פון דער גאַנצער וועלט. געלעבט האָבן זיי אין שלום, אָן האַס, אָן מחלוקות. אלעקסאַנדער האָט געשיקט שליחים צו זיי, זיי זאָלן פון זייער האַר און קעניג „נעמען חן". אויב ניט, וועט ער קומען און זיי פאַרטיליקן. האָבן זיי געהייסן ענטפערן דעם קעניג: זיי גלוסטן ניט נאָך גאָלד און זילבער, זיי דאַרפן קיין זאַך ניט האָבן. זיי באַנוגענען זיך מיט דעם, וואָס די נאַטור גיט זיי. און אויב דער קעניג וויל קומען און זיי פאַרטיליקן, וועלן זיי ניט שטעלן קיין ווידערשטאַנד. זיי אַרט עס באמת ניט, וואָרן נאָכן טויט ערשט וועלן זיי אָנהייבן לעבן. און אויב דער קעניג וויל קומען צו זיי און לערנען זייערע זיטן, וועט עס זיין ביי זיי אָנגעלייגט. דער קעניג איז טאַקע צו זיי געקומען, געהערט פון זיי אַ סך חכמה. אָבער ווען ער האָט זיי געוואָלט שענקען מתנות, האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען. זיי דאַרפן ניט קיין געלט, זילבער אָדער גאָלד. די נאַטור גיט זיי גענוג. ווען דער קעניג האָט זיי געזאָגט, זיי זאָלן ביי אים בעטן, וואָס זייער האַרץ גלוסט, האָבן זיי ביי אים געבעטן, ער זאָל זיי געבן דאָס אייביקע לעבן. ער קען עס זיי אָבער ניט געבן, ווייל ער האָט עס אַליין ניט. זאָגן זיי אים — איז צו וואָס האָסטו דאָס אַלץ באַדאַרפט, די מי און אָנשטרענגונג, אומברענגען אַזויפיל מענטשן, אַז אַלץ איז בלויז אויף אַ קליינער ווײַלע, ניט אויף אייביק. דער קעניג האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערן. דאָך האָט ער זיי געזאָגט: אַזוי

האָב איך געפונען די וועלט און אזוי מוז איך עס לאָזן. דעם קעניגס הארץ קאָן ניט זיין „אָן באוועגונג דאס קריגסוועזן".

די צווייטע אלעקסאנדער מוקדון־מעשה (זז. 307-303) איז מער באקאנט. אלעקסאנדער דערגרייכט די טויערן פון גן־עדן, אָבער ער קען אהין ניט אריין, מחמת בלויז די גערעכטע קענען דורך זיי דורכגיין. בעט דער קעניג, מע זאָל אים כאָטש געבן עפּעס א סימן, אז ער איז געווען ביי די טויערן פון גן־עדן. האָט מען אים ארויסגעוואָרפן אן אויג. געראָטן האָט מען אים, ער זאָל אויף איין וואָגשאָל אוועקלייגן דאָס אויג, און אויף דער אנדערער — זיין זילבער און גאָלד און אלע גוטע זאכן. דאָס אויג האָט אלץ איבערגעוואויגן. האָט מען אים געעצהט ארויפשיטן אביסל ערד אויפן אויג. ווי נאָר דער קעניג האָט עס געטאָן, האָט ער דערזען, אז דאָס ביסעלע ערד וועגט איבער דאָס אויג. האָט מען אים דערקלערט: כל־זמן דער מענטש לעבט, קען מען אים דאָס אויג ניט זעטיקן. אָבער ווען דער מענטש שטארבט און מע לייגט אים ארויף אויפן אויג אביסל זאמד — איז דערמיט ענדיקט זיך אלץ. דאָס וועגט אלץ אריבער. מע האָט עס אים אלץ דערקלערט, דאָס מיינט מען אים אליין. ער קען זיך ניט אָנזעטיקן כל־זמן ער לעבט. דערפאר געפינט ער קיינמאָל ניט קיין רו. דער קעניג איז מיט זיין שיף צוריקגעפאָרן אין דעם לאנד הודו „אונ' ניט לנג דער נאך איין ביטרן ארשרעקליכן טוט איין גינומין דען מאן האט אים איין סם המות אין געבין וויא עש ווייט ליפטיג אין זייני בישרייבונג פון זיין לער מיישטיר אריסטוטליש בישריבן איזט" (און ניט לאנג דערנאָך האָט ער א שרעקלעכן טויט איינגענומען. דען מע האָט אים סם המות איינגעגעבן, ווי דאָס איז בפּרטיות באשריבן אין דער באשרייבונג פון זיין לערמייסטער (לערער) אריסטאָטעל.)

צו די אנדערע עפּיזאָדן אָדער מעשות, גענומען פון דער־

פרעמד, געהערט די מעשה מיטן פילאָסאָף (זז. 22־23) — ווי אַזוי ער טרעפט זיין פריינד, וואָס באַקלאָגט זיך אויף זיין ביטערן גורל. דער פילאָסאָף נעמט אים אַרויף אויף אַ דאַך און ווייזט אים וואָס עס טוט זיך אין יעדן הויז. דאָ — זאָרג, דאָרטן — אומגליק, א. ד. ג. און אַז די גאַנצע „וועלט איזט פול פיין איין אידריר (יעדערער) פינדיט (געפינט) דאָז זיין״. די זעלביקע מעשה טרעפן מיר, אַ האַרעלע אַנדערש ביים אויס־פיר, אויף ז. 166.

אין דערזעלביקער רשימה דאַרף אַריין די פריער־דער־מאָנטע מעשה ווי אַזוי אַ פויגל טראָגט זיינע דריי קינדערלעך איבערן ים.

פון פרעמדע מקורים האָט זי אויך גענומען די מעשה וועגן דעם קעניג, וואָס שיקט זיין זון אין ווייטע לענדער צו לערנען חכמה (זז. 204־209). נאָך אָפּזיין דרייצן יאָר אין דער פרעמד, באַפעלט אים דער פאָטער צו קומען צוריק. דער קעניג פרעגט אים, צי ער האָט זיך איינגעשאַפט אַ סך פריינד אין דער פרעמד. און דער זון ענטפערט, אַז ער האָט געהאַט די גאַנצע שטאָט פאַר זיינע פריינד. ער האָט געפירט מיט זיי גרויסע סעודות און זיי געגעבן טרינקען פון דעם בעסטן וויין. זאָגט אים דער קעניג, אַז דאָס זיינען ניט קיין פריינד. ער הייסט אים צעשניידן אַ יונג קאַלב, אַריינלייגן די שטיקער אין אַ זאַק, אַרויסגיין בסוד־סודות אין דער נאַכט און גיין צו די, וועמען ער באַטראַכט פאַר זיינע פריינד. זאָגן זאָל ער זיי, אַז ער האָט דערהרגעט דעם פאָטערס הויפּמייסטער אין אַ געשלעג בעת זיי האָבן געשיכורט אַ גאַנצן טאָג. דער זון האָט אַזוי געטאָן. ער איז אַוועק צו זיין אייגענעם הויפּמייסטער, שפּעטער צו זיין שרייבער. ביידע האָבן זיך פון אים אָפּגעטרייסלט. דער דריטער, דער קאַמערדינער זיינער, האָט זיך אויך דערשראָקן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַגראָבן דעם זאַק. ער האָט אים אָבער ניט

פארלאָזן אינגאַנצן. ער האָט דעם קעניגס זון געהייסן אליין באַגראָבן דעם זאַק און ער גופא האָט זיך געשטעלט אויף דער וואַך צו היטן, קיינער זאָל עס ניט זען. דער קעניג האָט שפּע־טער דערקלערט דעם זון, אַז אָט דעם האַלבן פריינד קען מען נאָך מאַכן פאַר אַ גאַנצן פריינד, ווען ער וועט אַלע זיינע דינער „אַרשלאַגין". און דער זון האָט אַזוי געטאָן.

פון דער פרעמדער האָט מרת גליקל גענומען די מעשה וועגן קאַרל דעם גרויסן (זז. 94-97), ווי אַזוי ער וויל זיך פאַראייניקן מיט דער קייסערין פון מאָרגנלאַנד, און ווי פּלוצים עם פאַרכאַפּט איר טראָן דער פּאַטריציער ניקי בורשט (ניקע־פאָראָס) און פאַרשיקט זי אויפן אינדז ליזיפון (לעסבאָס). „דאַרין זיא אך אַלזו באַלד אין פולגינדין יאַר אויז גרוישר בי־קימירניש גישטאַרבין" (וואו זי אויך באַלד אין פאָלגנדיקן יאָר געשטאָרבן אין גרויסן צער).

אויך די מעשה וועגן דעם ווי אַזוי דער שטיין־רייכער און גליקלעכער קרעזוס פאַריאָגט דעם פילאָסאָף סאָלאָנען (זז. 171-175), ווייל דער לעצטער זאָגט אים, אַז קיינער איז ניט זיכער מיט זיין גליק ביז ער האָט ניט אויסגעלעבט די יאָרן. ווען אַן אַנדער קעניג האָט אין מלחמה באַזיגט קרעזוסן און געהייסן פאַרברענען אים אויפן שייטערהויפן, האָט זיך קרעזוס דערמאָנט סאָלאָנס ווערטער. „אַלזו פנגיט ער ביטירלעך אַן צו רופין אונ' צו שרייאין אה סאַלען ווי וואַר האשטו גי־זאַגט דאַז זיך קיינער פאַר זיין ענד זאַלי גליקליך שעטצין" (אַלזאָ פאַנגט ער ביטערלעך אויסצורופן און שרייען: „אָ, סאָלאָן, ווי אמתדיק דו האָסט געזאָגט, אַז איידער זיין סוף קומט זאָל זיך קיינער ניט שעצן גליקלעך). ווען דער זיגער האָט געפרעגט ביים אומגליקלעכן קרעזוסן וואָס ער האָט גע־שריען, האָט אים קרעזוס דערציילט וועגן סאָלאָנען. דער־

זיגער האָט זיך פאַרטראַכט — מיט אים קען דאָס אויך געשען. און ער האָט באַפרייט קרעזוסן.

צווישן די מעשות, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט אָדער אָנגעלייענט און זיי אַריינגעוועבט אין אירע זכרונות, זיינען, למשל, וועגן דעם תנא ר' יוחנן ווי אַזוי ער האָט פאַרלוירן זיינע צען זין און דאָך געבליבן אַ פרומער ייד (ז. 130). און, וועגן דודס אויפפירן זיך בעת דאָס קינד, וואָס ער האָט גע־האַט מיט בת־שבען, איז געווען קראַנק און דערנאָך געשטאָרבן (ז. 132). די דאָזיקע צוויי מעשות האָבן מיר אויך פריער דערמאָנט.

די צוויי לענגסטע דערציילונגען, פון פרעמדע שטאָפן, זיי־נען: די מעשה מיטן אַראַבישן קעניג ידידיה (דאָס איז די־אמנון און תמר מעשה) — זז. 279-289 — און אַ פאַנטאַס־טישע מעשה וועגן „איין חסיד" (אַ פרומען יידן) זיינע צוויי קליינע זין און זיין „פרומיש ווייב". דער פרומער ייד איז אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס און זיינע בעלי־חובות זעצן אים אַריין אין תפיסה. זיין ווייב וויינט און קלאָגט אויף דעם גרויסן בראָך, וואָס האָט זי געטראָפן. באַווייזט זיך אַן אַלטער מאַן און הייסט איר אויפהערן וויינען. „דען גאָט ווערט דיר ווידר העלפין דאר ווייל דיין מאן דיא תורה לערניט זוא ווערט גאָט דיינר ניט פאר געסין דען גאָט לאָשט קיין תלמיד־חכם פאַר פאַלין" (דען גאָט וועט דיר ווידער העלפן, ווייל דיין מאַן לערנט תורה, וועט גאָט דיך ניט פאַרגעסן, דען גאָט לאָזט ניט אַ תלמיד־חכם פאַרפאַלן ווערן). ער זאָגט איר, זי און איר מאַן וועלן אַ סך לייַדן, אָבער לסוף וועט זיי גאָט העלפן. ער עצהט איר צו ווערן אַ וועש־וואַשערין. איינמאָל האָט זי געוואַשן אַ העמד פאַר אַ שיפסמאַן. ווען זי האָט שפּעטער דערלאַנגט דעם שיפסמאַן דאָס אויסגעוואַשענע און אויסגעטריקנטע העמד,

האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן ביי דער האַנט, זי אַרויפגעשלעפּט אויף דער שיף, און איז גלייך אַוועק מיט דער שיף.

די קינדער האָבן אָנגעזאָגט דעם פאָטער אין דער תפיסה וועגן דעם גרויסן אומגליק. דער תלמיד־חכם האָט אָנגעהויבן אַזוי שטאַרק וויינען, אַז ער איז איינגעשלאָפן פון גרויס מיד־קייט. חלומט זיך אים אַז ער געפינט זיך אין אַ גרויס וויסטע־ניש, אַרומגערינגלט מיט ווילדע חיות. גרייט אים צו פאַרצוקן. באַווייזט זיך אַ פאַסטעך מיט זיינע שאָף און די ווילדע חיות לאָזן זיך צו די שאָף. דער תלמיד־חכם אַנטלויפט און קומט צו אַ פּאַלאַץ, וואָס איז געשטאַנען ביי אַ טייך פול מיט שיפן. אין פּאַלאַץ ווערט ער געקרוינט פאַר אַ מלך און ער פרייט זיך אינאיינעם מיט זיינע שיפסלייט. ווען ער האָט זיך אויפגע־כאַפּט, האָט ער געטראַכט, אַז זיכער שטעקט עפּעס אין דעם חלום און אַז עס וועט קומען אַ סוף צו זיינע צרות.

דערווייל שטאַרבט דער קעניג און זיין זון „מאַכט דיא שטאַט פרייא פון מס", באַפרייט אַלע פאַרשפּאַרטע. דער באַ־פרייטער תלמיד־חכם בעט זיך שפּעטער איין ביי אַ שיפסמאַן, ער זאָל אים און זיינע קינדער נעמען אויף דער שיף. ער וויל פּאָרן זוכן זיין פאַרלאָרענע ווייב. די שיף גייט אונטער אין אַ גרויסן שטורעם. עס בלייבן לעבן — דער תלמיד־חכם, זיינע צוויי זין און דער שיפסמאַן, וואָס האָט זיי געראַטעוועט. זיי האַלטן זיך אויף שטיקער פון דער צעבראָכענער שיף, די כוואַליעס פאַרטראָגן זיי אין פאַרשיידענע מקומות. דער תלמיד־חכם פאַלט אַריין אין אַ גרויס וויסטעניש צווישן וויל־דע מענטשן און ער ווערט געצוואונגען חתונה צו האָבן מיט דער ווילדער האָר־באַוואַקסענער בת־מלכה. צוויי יאָר איז ער דאָרטן געווען אַ פאַסטעך. און אין אַ רגע פון גרויס פאַר־צווייפלונג האָט ער זיך געוואָלט דערטרינקען אין ים. האָט ער פּלוצים דערהערט אַ קול: „דוא פאַר צווייפילטיר מענש

ווארום ווילשט פר צווייפלין אונ׳ דיין נשמה צו פאר דערבין״ (דו פארצווייפלטער מענטש, פארוואס ווילסטו פארצווייפלען און דיין נשמה פארדארבן?). און דאס קול זאגט אים, ער זאל זיך אומקערן צום בערגל, אויפגראבן אן אוצר, אוועק צום ברעג און א שיף וועט אנקומען און אים אוועקנעמען. ער וועט ווערן א קעניג און ס׳וועט קומען א סוף צו זיינע צרות. און אזוי איז טאקע געשען. ער איז אנגעקומען אויף אן אינדזל, עס אפגעקויפט, און געווארן דארטן דער מושל. יעדע שיף, וואס האט דארטן געאנקערט, האט אים געמוזט צאלן מס.

איינמאל, פסח צום סדר, זאגט מען אים אן, אז א רייבער שיפסמאן איז אנגעקומען און איילט זיך זייער אפצופארן. דער תלמיד־חכם הייסט ברענגען דעם שיפסמאן און זיין גאסט, ווייל יום־טוב פירט ער ניט קיין שום געשעפטן. פונעם שיפסמאן דערוויסט ער זיך שפעטער, אז ער האט צוויי ווייבער. איינס אין דער היים, און דאס צווייטע, וואס פירט זיינע געשעפטן אויף דער שיף, אבער לאזט אים ניט צו צו זיך. דער תלמיד־חכם האט זיך פארחידושט. דער שיפסמאן האט אים דערציילט, אז זיין צווייט ווייב האט געהאט א מאן א זייער קלוגן מענטשן און זי האט פון אים געלערנט א רעטעניש. קיינער קען די רעטעניש ניט טרעפן. אבער דער, וואס וועט טרעפן, יענער וועט ווערן איר מאן. ווען דער תלמיד־חכם האט דערהערט דאס רעטעניש, האט ער פארשטאנען, אז דאס איז זיין ווייב. און אזוי האבן מאן און ווייב זיך אפגעזוכט.

אן ענלעכער פאל איז פארגעקומען מיט זיינע זין. זיי זיינען אויך, מיט אנדערע שיפסלייט, אנגעקומען צו דעם אינדזל. און אויך זיי האבן דורך א רעטעניש, וואס זיי האבן געפרעגט זייערע שיפסברידער, געפונען טאטע־מאמע.

ווען די שיפסלייט האבן געהערט וועגן דעם תלמיד־חכמס

באשייד און געזען גאָטס ניסים, האָבן זיי זיך מגייר געווען, און אין יענעם פּאָרט איז אויסגעוואָקסן א נייע קהילה .

שטאָף פאַר דערציילונגען

ווי שוין פריער דערמאָנט — די אַלע פּאַרטיקע מעשות, וואָס מרת גליקל האָט אַריינגעוועבט אין אירע זכרונות, באַווייזן איר נטיה צו דערציילן מעשות. דער אופן ווי אַזוי זי דערציילט מעשות. איר כוח צו שילדערן מענטשן און סיטואַציעס, — היינטיקע ציטן וואָלטן מיר אויף דעם געזאָגט, אַז זי פאַרמאָגט בעלעטריסטישן טאַלאַנט.

אַ חוץ די מעשות פון דער פרעמד, באַמערקט מען נאָך אַ באַווייז פאַר איר נייגונג צו דערציילן עפּיזאָדן, זיי לעבעדיק שילדערן, און מיט זיכערקייט. דאָס זיינען שוין ניט קיין מעשות, נאָר פאַקטן, געשעענישן, וואָס זי האָט אַליין דורכגעלעבט אָדער בייגעוואוינט.

ווען מרת גליקל וואָלט געווען ליטעראַריש־באַוואוסטזי־

ביק, וואָלט זי פון די דאָזיקע עפּיזאָדן אויסגעפּורעמט גאָר פיינע דערציילונגען. זי האָט עס אָבער ניט געהאַט אין זינען. אַ סך אַזעלכע עפּיזאָדן קומען ביי איר אַרויס נאַטירלעך און אינטערעסאַנט. איר נייגונג צו „מעשהנען" און איר תמימות־דיקע נאַטירלעכקייט — דאָס ווייזט, אַז זי האָט בטבע גע־טראַכט אין בילדער, אין משלים. זי האָט אַריינגעוועבט גע־לייענטע אָדער געהערטע מעשות, ניט בלויז דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען דער גאַנג אין מוסר־ספרים, אָדער דערפאַר, ווייל זי האָט זיי באַדאַרפט האָבן ווי אילוסטראַציעס. זי האָט פּשוט פאַרמאָגט אַ מענטאַליטעט פון אַ בעלעטריסט. אין איר האָט געקלאַפּט אַ קינסטלערישער אָדער. אָבער ניט איר סביבה און נים איר צייט זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זי געקענט פאַרוואַנדלען אין אַ באַוואוסטזיניקן ליטעראַט.

לעבעדיק איז די פריער־דערמאָנטע שילדערונג — אמת, אין קנאַפּע ווערטער — וועגן די ווילנער יידן, די אַנטלאָפענע פון כמעלניצקים פּאָגראָמען; וועגן דעם ווי איר פאָטער מאַכט פון דעם אייבערשטן גאָרן אַ שפּיטאָל פאַר די קראַנקע פּליטים; וועגן דעם ווי אַזוי די צוויי קליינע מיידלעך ווערן קראַנק, באַ־דינענדיק די קראַנקע; און ווי אַזוי די באָבע שטאַרבט דערפון.

„לאחר זה איזט עש גיוועזין אלז דיא ווילנער זענין אויז פולין גילאפין אונ' פיל להמבורג קומין אונ' איין אן שטעקינ־דיקי קרענק אן זיך גיהאט אונ' צור זעלבי צייט האט מאן קיין הקדש אודיר זונשטין הייזיר גיהאט דאר מאן האט קראנקי לייט קענין איין ליגין אלזו האבין מיר וואול י' קרנקי לייט אויף אונזיר באדים גיהאט ליגן דיא אבי זצ"ל אלי האט לאזין אויז האלטין קצת מהם זענין גיזונד גיווארן קצת מהם זענין גישטארבין. איך ואחותי עלקלי תי' זענין אך באותו פעם אין דער קרענק גילעגין. מיין פרוימי גרוש מוטר ע"ה איזט בייא אל דען קראנקין גיוועזין גנגין אונ' גיזעהין דאז קייניר קיין

מנגיל גיהאט האט. הגם אבי ואמי עש ניט גערין לידין וואלין האט זיך דאך ניט וועהרין וואלין לאזין אונ' אלי יום ג' או ד' פעמי אופים באדים גאנגין ביי די קראנקין ענטליך איזט זיא אך קראנק גיווארין אונ' י' יום גילעגין דער נאך בשם טוב ובשיבה טובה גישטארבין איזט ע"ד שני' אלט גיוועזין אביר איזט נאך זוא פריש גיוועזין אלש וואן זיא איין בת מן ארבעי' שנה וועך. דאש רידין אונ' דיא ווידוים דוא זיא גיזאגט איזט אין להגיד אונ' דען שבח דען זיא אן אבי זצ"ל האט געבין אונ' דיא דאנק זאגונג די זיא קיגן איהם גיטאן האט איזט ניט צו בישרייבן".

(נאָכדעם איז עס געווען, ווי די ווילנער זיינען פון פוילן געלאָפן און א סך זיינען קיין האמבורג געקומען. און זיי האָבן אויף זיך געהאט אן אַנשטעקנדיקע קראַנקייט. און צו דער זעלביקער צייט האָט מען ניט געהאט קיין הקדש אָדער סתם הייזער, וואו מע האָט געקענט אוועקלייגן די קראַנקע מענטשן. אַלזאָ האָבן מיר א קימאַ־לן צען קראַנקע מענטשן געהאַט ליגן אויף אונדזער בוידעם. די אבי (מיין פאָטער) זצ"ל האָט אַלע געלאָזט אויסהאַלטן. קצת מהם (טייל פון זיי) זיינען געזונט געוואָרן. קצת מהם זיינען געשטאָרבן. איך ואחותי (און מיין שוועסטער) עלקעלע תי' (זאָל לעבן) זיינען אויך באותו פעם (יענעם מאָל) אין דער קרענק געלעגן. מיין פרומע באָבע ע"ה איז ביי אַלע קראַנקע געווען געגאַנגען און געזען, אַז קיינעם זאָל גאָרניט פעלן. הגם אבי ואמי האָבן עס ניט גערן געוואָלט לײַדן, האָט זי זיך דאָך ניט געלאָזט אָפּווערן און איז יעדן טאָג דריי אָדער פיר מאָל אויפן בוידעם געגאַנגען צו די קראַנ־קע. ענדלעך איז זי אויך קראַנק געוואָרן און צען טעג אָפּגע־לעגן. דערנאָך בשם טוב ובשיבה טובה (מיט א גוטן נאָמען און אין גוטן עלטער) איז זי געשטאָרבן. זי איז אַלט געווען 74 יאָר, אָבער (זי) איז נאָך אַזוי פריש געווען ווי ווען זי איז געווען א בת ארבעי' (א פרוי פון פערציק יאָר). דאָס

רעדן און די ודויים, וואָס זי האָט געזאָגט, איז אין „להגיד. און דעם שבח, וואָס זי האָט מיין פאָטער זצ"ל געגעבן און די דאַנקזאָגונג צו אים, איז ניט צו באַשרייבן.)

נאָך דער תחינה, דעם געוויין, וואָס זי גיסט אויס מכוח דעם אומגליק וועגן שבתי־צבי, גיט זי איבער, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן אין האַמבורג בעת די גאָר ערשטע האָפֿערדיקע ידיעות זיינען אָנגעקומען אַהין:

„די שמחה וואז גיוועזין איזט ווען מן כתבי' האט גיקראגין דאז איזט ניט צו בישרייבן. דיא מיינשטי כתבי' דיא קומן זיין, האבין דיא ספרדיי' ביקומן. זוא זענין זיא אלי צייט מיט אין איר בית הכנסת גנגין אונ' לשם גילייאיט זענין טייטשי יונג אונ' אלט אך אין איר בית הכנסת גנגין אונ' דער פורטיגיזין יונגי גיזעלין האבין זיך אלי מאלט אין איר בעשטי קליידיר אן גיטאן אונ' איין אידריר האט זיך איין גרינין בראטין זיידין באנד אום זיך גיבונדין דאז איזט שבתי צבי זיין ליברייא גיוועזין אלזו זענין זיא אלי בתופי' ובמחולות אין איר ב"ה גנגין מיט שמחה כשמחה בית שאיבה די כתבים גילייאיט. טייליש האבין געביך אל דאז איריגי פאר קאפין הויז אונ' הויף אונ' אליש גיהויפט דאז זיא אלי יום זולין ערליזט ווערדין. חמי ע"ה האט צו האמיל גיוואונט אלזו האט ער משם עוקר דירה גיוועזין אונ' זיין הויף אונ' הויז וכלי בית מלאה כל טוב אליש שטיהן אונ' איזט לק"ק הילדסום גיגאנגין צו וואונין אונ' האט אונש לכאן המבורג ב' גרושי פעסיר מיט אליר הנט לייניך צייק גשיקט אונ' דרין איזט גיוועזין פון אליר הנט עסין שפייז כגון ערביזין (בונין) דער פלייש אונ' זונשטין אנדרי גראמפיל־שפייז פון קוועטשיך שניץ אליש זוא וואש זיך ווארין קאן. דען דער גוטי מאן ע"ה האט גידאכט מאן ווערט כפשוטה מן המבורג לארץ הקדושה פארין. דיזי פעסיר זענין וואול יותר אליש א' שנה בביתי גישטאנדין ענטליך האבין זיא מוראה

גיהאט דער פּלייש ושארי זאכין ווערין מכולה גין האבן זי אונש גישריבן זולין דיא פעסיר אויף מאכין אונ׳ וואש עסין שפייז איזט הרויז נעמין, דאש דאש ליינין גיצייק ניט מכולה ווערט אלז עש וואול ג׳ שני גישטאנדין אונ׳ אליש גימיינט זולטי עש צו זייניר רייז ברויכן אביר דעם היכשטין האט עש נאך ניט גיפאלין.״

(די שמחה, וואָס איז געווען, ווען מע האָט געקראָגן די בריוו, איז ניט צו באַשרייבן. די מיינסטע בריוו, וואָס זיינען אָנגעקומען, האָבן די ספרדים באַקומען. זיינען זיי יעדער מאָל מיט זיי אין זייער בית־הכנסת געגאַנגען און דאָרטן געלייענט. זיינען טייטשע (אשכנזישע) יונג און אַלט אויך אין זייער בית־הכנסת געגאַנגען. און די פּאָרטוגעזער יונגע געזעלן (לייט) האָבן זיך יעדער מאָל אין די בעסטע קליידער אָנגעטאָן. און יעדערער האָט ארום זיך ארומגעבונדן אַ גרינעם, ברייטן, זיי־דענעם באַנד. דאָס איז געווען שבתאי צבים ליווריי. אַלזאָ, זיינען זיי אַלע מיט פּויקן און טענץ אין זייער בית־המדרש געגאַנגען און האָבן די בריוו געלייענט מיט שמחה ווי ביי דער שמחה פון בית השואבה. טייל האָבן אַלץ דאָס זייעריקע פאַרקויפט, הויז און הויף, און אַלץ געהאָפּט, אַז זיי וועלן אַ ליאָדע טאָג דערלייזט ווערן. מיין שווער ע״ה האָט אין האַ־מעל געוואוינט. אַלזאָ, האָט ער פון דאָרטן עוקר דירה געווען. און זיין הויף און הויז און די הויז־זאכן, פול מיט כל טוב, געלאָזן שטיין און האָט זיך אריבערגעצויגן צו וואוינען אין דער קהילה קדושה הילדסהיים. ער האָט אונדז קיין האַמבורג געשיקט צוויי גרויסע פעסער מיט פאַרשיידענע לייוונט־שטאָפן. און דאָרטן זיינען געווען פאַרשיידענע עסן־שפייז, ווי אַרבעס (בעבלעך), געטריקנטן פלייש, און חוץ דעם אַנדערע גריימפּל־שפייז פון צונויפגעקוועטשטע רייפלעך. אַלץ, וואָס קען זיך לאַנג האַלטן. דען דער גוטער מאַן ע״ה האָט געמיינט, מע וועט איינפאַך פון האַמבורג פאָרן צום הייליקן לאַנד. דידאָ־

זיקע פעסער זיינען געשטאַנען אין מיין הויז אַ סך מער ווי אַ יאָר. ענדלעך האָבן זיי מורא געהאַט, אַז דאָס פלייש און די אַנדערע זאַכן וועלן מכוּלה ווערן (איבערגעפירט ווערן). האָבן זיי אונדז געשריבן, (מיר) זאָלן די פעסער אויפמאַכן און אַרויסנעמען וואָס עס איז עסן־שפּייז, כדי דאָס לייוונט־שטאָף זאָל ניט מכוּלה ווערן (זיך ניט איבערפירן). אַזוי איז עס גאַנצע דריי יאָר געשטאַנען און (זיי) האָבן אַלץ געמיינט, זיי וועלן עס צו דער (זייער) רייזע ברויכן. אָבער עס איז דעם אייבערשטן (דעם העכסטן) נאָך ניט געפעלן.)

פאַראַן אין די זכרונות עפּיזאָדן, וואָס קענען דינען ווי שטאָף פאַר פאַנטאַסטישע אָדער גאָר פאַר שוידער־מעשׂות פון אַן ערגאַר עלען פּאָו שניט. עס איז אמת, ביי מרת גליקל זיינען זיי נאָך ניט קיין דערציילונגען, אָבער קערנער פון דערציילונגען זיינען זיי יאָ. אַ חוץ דעם — זיי זיינען טיף יידישטראַדיציאָנעל, מיט דער ערפאַרכטיקער יידישער סימבאָליק.

אַזאַ שטאָף געפינען מיר אין דער מעשׂה וועגן איר שטיף־שוועסטער (ז. 35). מרת גליקלס פאָטער, ר' ליב פינקערלע, האָט געהאַט אַן ערשטע פרוי, מרת רייצע (רייצאַ). נאָכדעם ווי דאָס גליקלעכע פּאָר האָט אָפּגעלעבט אין נחת און אין פרייד פופצן יאָר, איז מרת רייצע געשטאָרבן. קיין קינדער האָט ר' ליב פינקערלע מיט איר ניט געהאַט. מרת רייצע האָט אָבער איבערגעלאָזן אַ יתומה, אַ טאָכטער אירע פון איר ערשטן מאַן. די דאָזיקע שטיפטאָכטער האָט גליקלס פאָטער דערצויגן ווי אַן אייגן קינד. ער האָט געטאָן מיט איר אַ שיינעם שידוך. ער האָט זי אויסגעגעבן פאַר ר' קלמן אוריגס (אוריך) זון. אָבער קיין אריכת ימים איז איר ניט באַשערט געווען. זי איז געשטאָרבן אין קימפעט. ווייטער איז וויכטיק איבערצוגעבן מרת גליקלס לשון:

„און' איזהו ימי' דער נאך האט מאן זי ביגזלת און'

אירי תכריכי׳ אויז גיצאגין איזט זיא צו חלום גיקומין אונ׳ עז מגלה גיוועזין האט מאן זיא אויף קובר גיוועזין אונ׳ זאלכיש ביפונדין זענין דיא ווייבר פלוקש גאנגין אונ׳ האבין איר אנדרי תכריכי׳ גינים וויא זיא זיטצין אונ׳ ניאין קומט דיא פילציל אין דער שטוב צו גין אונ׳ זאגיט אומיש גאטיש ווילין איילט אייך מיט אייער ניאין זעכט איר ניט דאז מת צווישן אייך זיצט אביר דיא וויביר האבין ניקש גיזעהין. וויא זיא פערטיג זיין גיוועזין, האבין זיא דעם מת זייני תכריכים געבין זוא איזט זיא אך איר לעביש טאג ניט ווידר קומין אונ׳ אין איר רוא גיבליבן״.

(און עטלעכע טעג דערנאָך האָט מען זי באַגזלט און אירע תכריכים אַראָפּגעצויגן. איז זי צו חלום געקומען און האָט עס מגלה געווען. האָט מען זי אויסגעגראָבן און עס טאַקע געפונען אַזוי. זיינען די ווייבער שנעל געגאַנגען און האָבן אַנדערע תכריכים גענייט. ווי זיי זיצן און נייען, קומט דאָס דינסטמיידל אין דער שטוב צו גיין, און זאָגט: „אום גאָטס ווילן, איילט אייך מיט אייער נייען. זעט איר ניט דעם מת זיצן צווישן אייך?״ אָבער די ווייבער האָבן גאָרניט געזען. ווי זיי זיינען פאַרטיק געוואָרן האָבן זיי דעם מת זיינע תכריכים געגעבן. אַזוי איז זי אויך איר לעבנטאָג ווידער ניט געקומען און אין איר רו געבליבן.)

ענלעך צו דער מעשה מיטן פחד, איז די פריער־דערמאָנטע געשעעניש אין שייכות מיט ביילע כהנס טויט: דעם תקיעת־כף, וואָס זי האָט אַרויסגעקראָגן פון איר מאַן, און דער טויט פון צוויי מקורבים און ר׳ בער כהנס צווייט ווייב.

ווען איר שטיפשוועסטער דערציילט זי נאָך אַן אינטער־רעסאַנטן עפּיזאָד, וואָס איז שוין נענטער צו אַ פולשטענדי־קער מעשה (זז. 34־35):

געווען איז די שטיפשוועסטער א זעלטנקייט. קיין גלייכנס צו איר איז ניט געווען. „הן ביופי׳ ובמעשיה״. „פראנצעזיש אליש איין וואשיר גיקענט״ (פראנצויזיש ווי א וואסער גע־קענט). א ראש (אן אפיציר) האט פארזעצט א משכון ביי איר פאטער אויף דער סומע פון ת״ק (500) רייכסטאלער. אין א צייט ארום איז ער געקומען מיט נאך צוויי ראשים און גע־וואלט אויסלייזן דעם משכון. בעת דער פאטער איז געגאנגען אויפצוזוכן דעם משכון, האט די שטיפטאכטער געשפילט אויפן „קלאף צימיר״ (קלאוויצימבאלום, קלאוויר), כדי די אפי־צערן זאל ניט ווערן צו לאנגווייליק צו ווארטן לאנג. דערווייל האבן די אפיצערן אפגערעדט צווישן זיך, אויף פראנצויזיש, אז ווען דער ייד וועט קומען מיטן משכון, זאל מען עם ביי אים צונעמען און ניט באצאלן דעם חוב. די אפיצערן איז ניט איינגעפאלן, מע זאל האבן א יידיש מיידל געלערנט פראנצוי־זיש. ווען דער פאטער האט זיך אומגעקערט מיטן משכון, האט די שטיפטאכטער אנגעהויבן צו זינגען הויך: „בחיי לא המשכון היום בכאן ומחר ויברח״ (ווי איך לעב, ניין, היינט איז דער משכן דא, מארגן — ניטא). דער פאטער האט גע־כאפט, וואס דא טוט זיך. ער האט ביי די אפיצערן געבעטן דאס געלט. האבן זיי פרייער געוואלט האבן דעם משכון. און ווען דער פאטער האט ניט געוואלט געבן דעם משכון אן געלט, האט דער אפיצער געזאגט צו זיינע פריינד, אז דאס מיידל האט זיי ארויסגעגעבן, זי פארשטייט פראנצויזיש. אויף מארגנדיקן טאג איז דער אפיצער געקומען, באצאלט דעם חוב, מיט פראצענט, און זייער שטארק געלויבט ר׳ לייב פינקערלע, וואס ער האט געלאזן זיין טאכטער לערנען פראנצויזיש. ס׳איז אים צוניץ געקומען.

אין דער דאזיקער דערציילונג איז שוין פאראן אביסל הומאר. נאך מער הומאר איז פאראן אין דער דערציילונג וועגן דעם ווי אזוי די מחותנים זיינען אנגעקומען פון האמבורג

קיין האמעל צו גליקלס חתונה. יידישער ברוגז מיט יידישן הומאָר מישן זיך צונויף, און דאָס באַלייכט אַ שטיק יידישן לעבנסשטייגער אין אַמאָליקן דייטשלאַנד מיט הונדערטער יאָרן צוריק.

פאַרקנסט האָט מען מרת גליקל ווען זי איז געווען אַ מיידל פון צוועלף יאָר. אַן ערך צוויי יאָר איז זי געווען אַ כלה. און אָט קומט דער טאָג, ווען מע פאָרט צו דער חתונה קיין האמעל (זז. 58-60).

אין יענע צייטן זיינען נאָך ניט געווען קיין „פּאָשטין" (פּאָסט-קאָטשן). זיינען די מחותנים, אינאיינעם מיט אַ צוואַנציק חתונה-געסט, געפאָרן ביז האַנאָווער אין געדונגענע „כפרים עגלות" (דאָרפישע וועגענער). פון האַנאָווער האָבן זיי געשריבן צו די מחותנים קיין האמעל, מע זאָל זיי אַרויסשיקן וועגענער. געמיינט האָט די מחותנתטע, מרת גליקלס מוטער, אַז אין האמעל זיינען פאַראַן קאָטשן אַזוי ווי אין האַמבורג. צום ווינציקסטן, וועט דער מחותן אַרויסשיקן כאָטש איין קאָטש פאַר דער כלה און אירע לייט. אָבער אין דריי טעג אַרום זיינען אָנגעקומען דריי פּויערשע וועגענער „דיא האבין פפערט גיהט דאז ניטיג ווער גיוועזין מאן העט זיא אויף דען וואגין גיליגט" (זיי האָבן געהאַט פערד, אַז מע וואָלט זיי געדאַרפט אויף דעם וואָגן לייגן).

די מחותנתטע האָט זיך געפילט זייער באַליידיקט. אָבער קיין אַנדער ברירה איז ניט געווען, און זיי האָבן זיך אויף די פּויערשע וועגענער דערשלעפּט קיין האמעל. „לעת ערב האבין מיר איין גאנצי סעודה גיהאט" (אין אָוונט האָבן מיר אַ גאַנצע סעודה געהאַט). גליקלס שווער, ר' יוסף האמעל, האָט ביי דער סעודה „צוגעטרונקען" אַ גלאָז וויין דער ברוגזער מחותנתטע. געווען איז ער אַ „גרושיר קטוב" (פון קטבות,

כתובת, — וויצלינג). זאָגט ער דער ברוגזער מחותנתטע, זי זאָל אויף זיי ניט האָבן קיין פאַראיבל. קיין קאָטשן האָבן זיי ניט. זיי זיינען דאָך „שלעכטי לאַנדיש לייט" (פּשוטע דאָרפס־מענטשן). און ער דערציילט איר, וואָס מיט אים איז געשען, ווען ער איז געפאָרן צו זיין אייגענער חתונה (זז. 59־60).
זיין פאָטער, ר' שמואל שטאַקירט, איז געווען דער פּרנס אי־בער גאַנץ העססען. א חתן איז ער געוואָרן מיט מרת פריידכען, ר' נתן שפּאַניערס טאָכטער. געקראָגן האָט ער נדן 2.000 רייכסטאַלער. זיין טאַטע האָט אים צוגעזאָגט 1.500 רייכסטאַ־לער. ווען דער חתונה־טאָג איז שוין געווען גאָר נאָענט, האָט זיין פאָטער געדונגען א יידן מיטן נאָמען פּיש. דעם ייד פּישן האָט מען אָנגעלאָדן דעם חתנס נדן אויף די פּלייצעס. ער האָט עס באַדאַרפט שלעפּן ביז שטאַטהאַגען. דאָרטן האָט געוואוינט דער מחותן ר' נתן שפּאַניער. דער חתן מיטן געדונגענעם פּישן האָבן נעבעך געשפּאַנט צופוס. בעת זיי זיינען שוין גע־ווען האַרט ביי שטאַטהאַגען, איז „הצעקה גיקומין", אַז דער חתן איז שוין ניט וויט. זיין צוקונפטיקער שוואָגער ר' לייב מיט זיין חברותה איז אַרויסגעריטן דעם חתן אנטקעגן. ווען ער האָט זיי דערזען ווי דער חתן און דער אָנגעלאָדענער שליח שלעפּן זיך צופוס, איז ער גלייך צוריקגעריטן און געלאָזט וויסן דער כלה, אַז איר חתן קומט איצט צו רייטן אויף א פּיש.

און מרת גליקלס מחותן זאָגט ווייטער: „דאר איך לע"ע וואול קען אויף גוטי פפערט רייטין דארום ביט אייך דאר איבר ניט און גידולדיג צו זיין" (אַזוי ווי איך קען איצט אויף גו־טע פערד רייטן, בעט איך אייך דעריבער, ניט אומגעדולדיק צו זיין). דער מחותנתטעס צאָרן האָט זיך פאַרוואַנדלט אין געלעכטער און „החתונה תוך ששון ושמחה איזט נגמור גי־וואָרין" (די חתונה האָט זיך אין שמחה וששון פאַרענדיקט).

אין די אויבן־געבראַכטע עפּיזאָדן זעען מיר גוטן מאַ־

טעריאַל, וואָס דערציילט אונדז וועגן יענער תּקופה אַ סך מער ווי געשיכטע־ביכער. מיר זעען אַ סך נעענטער דאָס לעבן פון יידן אין דייטשלאַנד אין 17־טן יאָרהונדערט. מיר פילן די אינטימקייט פון זייער לעבן. און די אַטמאָספערע פון יענער צייט. מיר זעען עס אַלץ ווי אין אַ רעמבראַנדיש ליכט.

פאַר דעם יידישן וואָרט־קינסטלער, וואָס וויל שרייבן היסטאָרישע דערציילונגען, ליגן דאָ צוגעגרייט ליים־און־ציגל. נאָכמער — דער געמיט פון יענער ניט־גאָר באַקאַנטער יידי־שער תּקופה. דאָ האָבן מיר לעבנס־שטייגער און מנהגים. מיר קענען פון די דאָזיקע עפּיזאָדן שעפּן פּאַבולעס און טיפּאַזש. מיר קענען אויך אויסברייטערן, פּאַנאַנדערוויקלען און פּאַרטיפן אַ סך פּסיכאָלאָגישע שטריכן — ביים יידישן יחיד און ביים יידישן כּלל. און אין ערגעץ קען מען ניט פילן דעם גאַנצן קלימאַט פון יענע פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער ווי אין זכרו־נות. אין דעם פאַל דינען אונדז מרת גליקלס זכרונות אויף אַ זייער פיינעם אופן. אַט־דעם קלימאַט, דעם ריח פון יענער צייט, די ליכט־און־שאָטנס פון יענער צייט — דאָס דערפילט מען אויף טריט און שריט אין אירע זכרונות.

עס איז דעריבער ניט קיין חידוש, וואָס אַ סך שרייבער האָבן אויסגענוצט זכרונות אויף פאַרשיידענע אופנים. ביים שאַפן זיין „קריג און פרידן" האָט טאָלסטאָי זיך באַנוצט מיט היסטאָרישע פאָרשונגען. אָבער דעם קלימאַט פון יענער תּקופה, דעם שטייגער, דעם גאַנצן לעבנס־ריטם, האָט ער זיכער גע־פונען אין די מעמואַרן פון יענע מענטשן, וואָס האָבן דעמלט געלעבט. אַזוי איז געווען מיט אַנאַטאָל פראַנסן, בעת ער האָט געשריבן זיין „די געטער דורשטן".

ביים שאַפן היסטאָרישע דערציילונג קען אונדז מרת גליקלס זכרונות געבן ניט נאָר די לופט און דאָס ליכט פון

יענער צייט, דעם שטייגער־לעבן פונקט אזוי ווי די יחידישע אָדער כללישע פּסיכיק, נאָר אויך פּאַרטיקע סיוזשעטן, מיטן גאַנצן טיפּאַזש, מיט נאַטירלעכע מאָטיווירונגען און מוסר־השכלען.

דער דאָזיקער מאַטעריאַל ליגט אויבנאויף און וואַרט אויפן יידישן קינסטלער, וואָס וועט זיך אינטערעסירן מיט יענער תקופה. און דער אויפמערקזאַמער לייענער וועט ניט פאַרגעסן אַזעלכע אינטערעסאַנטע עפּיזאָדן, ווי, למשל, ווען זי פירט אויס שידוכים פאַר אירע זין ר׳ זאַנוול און ר׳ משה (זז. 248־257); ווי אַזוי זי שלעפּט אַרויס איר זון לייב פון זיינע צרה־דיקע געשעפטן אין בערלין און ראַטעוועט אים פון באַנקראָט (זז. 215־230); די רכילות וועגן חתן משה קרומבאך פון מעץ בעת מע האָט פאַרקנסט איר טאָכטער (זז. 182־184); מרת גליקלס חתונה מיט סערף לעווי פון מעץ, זיין באַנקראָט און איר טראַגיש לעבן (דער לעצטער טייל ספר זעקס און כמעט דער גאַנצער ספר זיבן); די מעשה מיט ר׳ שמואלן און דעם דוכס פון לאָטאַרינגיע (זז. 313־318); די מחלוקות אין מעץ צוליבן רב (זז. 320־324) א. א.

פאָלקסטימלעכע דערציילונגען

די עפּיזאָדן, וואָס מיר האָבן לדוגמא אַרויסגערעדט אין פאַריקן קאַפּיטל, זיינען געשריבן אַזוי, אַז מע מערקט אין זיי שטאַרקע בעלעטריסטישע נטיות. אין מרת גליקלס זכרונות זיינען פאַראַן אָבער אַזעלכע עפּיזאָדן, וואָס זיינען אַביסל מער ווי עפּיזאָדן. ביים לייענען לאָזן זיי איבער אַ רושם ווי פאָלקסטימלעכע דערציילונגען. ווען מע נעמט זיי אַרויס פון דעם גאַנצן קאָנטעקסט, בלייבן זיי זאַכן פאַר זיך אַליין. באמת זיינען זיי אויסגעברייטערטע עפּיזאָדן. זיי האָבן אין זיך אַ סך שטריכן פון דערציילונגען. פאַראַן אין זיי איין הויפּט־געשעעניש, און דער גאַנצער אינהאַלט וועבט זיך נעענטער און נעענטער אַרום דער דאָזיקער איינציקער געשעעניש. אַלץ ווערט דאָ קאָנצענטרירט. דאָס שאַפט די אַזוי־גערופענע טאָטאַליטעט, ווי עדגאַר עלען פּאָו האָט עס אַ נאָמען געגעבן.

מיר קענען אָננעמען, אַז די טעכניק פון שרייבן דערציילונגען איז איר געווען אינגאַנצן פרעמד. באַוואוסטזיניק און

קריטיש האָט מען ערשט אָנגעהויבן צו באַטראַכטן די דערציילונג ערשט שפּעט, סוף 19־טן יאָרהונדערט. מרת גליקל, די אשת חיל, וואָלט סיווי ניט געוואוסט וועגן דעם, ווען אין איר צייט וואָלטן אפילו געווען אַזעלכע אויספאָרשונגען וועגן דעם. דער יידישער פאָלקסמענטש האָט געלעבט מיט דער יידישער ליטעראַטור. אָבער שטודירן עס באַוואוסטזיניק, דאָס האָט קיינער ניט געטאָן. איז פון וואַנען איז צו איר געקומען דאָס סאַמע עלעמענטאַרסטע אינעם געבוי פון דער דערציילונג? ווען מע לייענט יענע טיילן זכרונות, וואָס מיר באַטראַכטן איצט ווי דערציילונגען, איז ניט שווער צו ענטפערן אויף דעם. ווי שוין אָנגעוויזן — זיי דערמאָנען אונדז גלייך אין די מעשות, וואָס מיר געפינען, למשל, אין „מעשה־בוך” אָדער אין „ספר ניסים”. און עס איז ניטאָ קיין שום ספק, אַז זי האָט די דאָזיקע מעשות און דעם גאַנג פון די מעשות זייער גוט געקענט. אין זיי ווערט דער אריינפיר איבערגעגעבן אויף אַ בצמצומדיקן אופן, און אָט איז מען שוין אין סאַמע תוך פון דער דערציילונג. און ווי דער אינהאַלט וויקלט זיך פאַנאַנדער, ציען זיך אַלע אַרומיקע געשעענישן צום העכסטן פונקט. און ווען ס'קומט די אויפלייזונג, ענדיקט זיך די מעשה אויפן זעלביקן בצמצומדיקן אופן ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. עס איז אמת, די דאָזיקע כאַראַקטער־שטריכן געהערן ניט בלויז צו יידישע מעשות. אָבער צו מרת גליקל זיינען זיי געקומען דורך די קוואַלן, וואָס פון זיי איז אויפגעקומען די גאַנצע אַלט־יידישע ליטעראַטור.

צווישן די וואָס מיר רופן פולשטענדיקע דערציילונגען, זיינען פאַראַן קירצערע און לענגערע. די קירצערע זיינען אויסגעהאַלטן נאָך אַלע כללים פון דער דערציילונג־קונסט. מיר וועלן דאָ ברענגען עטלעכע מוסטערן.

אין דער דערציילונג וועגן דעם טויט פון איר פאָטער, ר' לייב פינקערלע, (זז. 167־168), הייבט זי אָן גלייך מיטן

פאקט, וואס האט געפירט צום תוך פון דעם אינהאלט. „נאך דער זעלבי צייט איזט אבי זצ״ל גאר קראנק געוועזין בחולי ציפורלי בטוב תקראו אביר איזט איין קרענק צו זיינין טוט גיוועזין״ (נאך דער זעלביקער צייט איז מיין פאטער זצ״ל גאר קראנק געוועזן אויף דער קראנקייט גיכט (פאדאגרע) — ניט דא געדאכט — אבער עס איז א קרענק צו זיין טויט געוועזן). ער איז געשוואלן געווארן און איז אפגעלעגן אין יסורים „יותר אליש רביעי׳ שנה״ (העכער ווי א פערטל יאר). אלע נאכט זיי־נען זיי ביי אים געווען, אפט ביז מיטנאכט. איינמאל אזוי זיצנדיק — דערציילט ווייטער מרת גליקל — האט איר מו־טער אויסגעפירט, אז זי און איר מאן חיים זאלן גיין אהיים. מרת גליקל איז דעמלט געווען „הויך מעוברת״. עס האט ניט גענומען מער ווי א שעה, איז מען געקומען רופן זיי צום גוסס. אזוי ווי דאס איז פריער אפט געשען, האט ר׳ חיים אי־בערגערעדט זיין ווייב, אז זי זאל בלייבן שלאפן. טאמער וועט געשען דאס שרעקלעכסטע, וועט ער גלייך שיקן נאך איר. האט זי זיך געלאזט איבעררעדן און איז גיך שטארק איינגע־שלאפן. „וויא נון בעלי זצ״ל לבית אבי קומט איזט ער לזו הרגע פאר שיידין גיוועזין״ (ווי נאר מיין מאן זצ״ל איז גע־קומען אין מיין פאטערס הויז, איז ער אין דער דאזיקער רגע אפגעשיידט געווארן). געווען איז דאס אן ערך מיטנאכט. ר׳ חיים האט אבער ניט געלאזט שיקן נאך מרת גליקל. גענוג וועט זיין ווען מ׳וועט זי אויפוועקן אין צוויי־דריי שעה ארום. „אביר וויא איך אין מיין בעשטין שלאף בין גיוועזין קומט עטוואש ג׳ פעמי׳ אן מיין טיר צו קלאפין אליש ווען דאז גנצי בית זולט אום פאלין איך שפרינג תכף אויזם בעט הרויז אונ׳ פראג תכף ווער דאר קלאפט אביר אין קול ואין עונה״ (אבער ווי איך בין געווען אין מיין בעסטן שלאף קומט עפעס דריי מאל אין מיין טיר צו קלאפן, פונקט ווי דאס גאנצע הויז וואלט געהאלטן אין אומפאלן. איך שפרינג תיכף ארויס פון בעט און פרעג תיכף ווער עס קלאפט דארט. אבער אין קול

ואין עונה). זי האָט שנעל אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ קלייד, געקומען צו לויפן און דערזען, אַז ס׳איז שוין נאָך אַלעמען.

און דאָ קומט מרת גליקל גלייך צום סוף פון דער דער־ציילונג. זי האָט ניט געקענט קומען צו זיך נאָך דער גרויסער אבידה, ביז דער אויבערשטער האָט איר ניט באַשערט צו שלושים אַ זון. זי האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך איר פאָטער.

די דאָזיקע מעשה מיטן קלאַפּן אין טיר דריי מאָל גע־הערט צו יענע עטלעכע מאָוימדיקע מעשות, וואָס געפינען זיך אין אירע זכרונות. ענלעך אין פּרט פון אימה איז די מעשה ווי אַזוי עם איז געשטאָרבן איר שווער ר׳ יוסף האַמעל (זז. 179־180).

ר׳ יוסף האַמעל האָט דעמלט געוואוינט אין האַנאָווער. ער איז שוין געווען אַ זקן פון אַ יאָר אַכציק. איז ער קראַנק געוואָרן און די כוחות האָבן אים אָנגעהויבן צו פאַרלאָזן. שיקט ער נאָך זיין יינגסטן זון, דעם בן זקונים, ר׳ חיימען. ר׳ חיים האָט דאָרטן פאַרבראַכט דריי וואָכן. דער קראַנקער זקן האָט אויף אים גוזר געווען, אין גאַנצן נאָמען, ער זאָל גיין אַהיים, און ניט חרוב מאַכן זיינע געשעפטן. ר׳ חיים האָט ניט געוואָלט, אָבער לסוף האָט ער זיך אונטערגעגעבן און זיך געלאָזט אין וועג — פון האַנאָווער קיין האַמבורג.

איידער ר׳ חיים איז געקומען צו פאָרן איז געשען אָט־וואָס:

קעגן מרת גליקלס בעט איז געשטאַנען אַ קלענער בעטל און דאָרטן איז געשלאָפן איר עלף־יאָריקע טאָכטער חנה. פאַר־טאָג איז מרת גליקל אויפגעשטאַנען און איז אַוועק אין שול. גלייך נאָכדעם איז די קליינע חנה אַרויסגעלאָפן פון איר קאַ־מער, אַראָפ די טרעפ. זי איז געווען זייער דערשראָקן. ווען מע

האָט זי פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט, וואָס עס האָט זיך מיט איר געטראָפֿן, האָט זי דערציילט וועגן דער אויסטערלישער געשעעניש. זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און געוואָלט זען צי די מאַמע ליגט נאָך אין בעט, האָט זי דאָרטן דערזען ליגן אַן אַלטן מאַן מיט אַ גרויסער באָרד. זי האָט זיך דערשראָקן, אַרויסגעשפּרונגען פֿון בעט און איז אַראָפּ די טרעפּ. ביים אַראָפּגיין די טרעפּ האָט זי אַ קוק געטאָן אויף צוריק. האָט זי געזען ווי דער אַלטער מאַן האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און איר נאָכגעקוקט.

ווען מרת גליקל איז געקומען פֿון שול, „איזט נאָך איין גילישפּיר אונ' גישמועת מנקין מיין גזינט גיוועזין" (איז נאָך געווען אַ געוויספֿער און אַ שמועס צווישן מיין געזינט). זי האָט זיך פֿאַנאַנדערגעפֿרעגט וואָס דאָ איז פֿאָרגעקומען, אָבער קיינער האָט איר גאָרנישט געוואָלט זאָגן.

און ענדיקן ענדיקט זיך די דערציילונג אויף אַ זייער נעראָטענעם אופֿן. קורץ און שאַרף.

צוויי טעג נאָך דעם געשעענעם איז ר' חיים געקומען אַהיים. ער איז קוים אַכט טעג געווען אין הויז, איז אָנגעקומען אַ בריוו, אַז זיין פֿאָטער, ר' יוסף האַמעל, איז געשטאָרבן.

די מעשׂות אין „מעשׂה־בוך" אָדער אין „מעשׂה ניסים" זיינען דאָס רוב פֿול מיט ניסים אָדער מיט איבערנאַטירלעכע געשעענישן, אָדער גאָר מיט ריינעם מוסר. מרת גליקל, ווידער, האָט איבערגעגעבן פֿאַקטישע געשעענישן פֿון טאָגטעגלעכן לעבן. איז דער אונטערשייד טאַקע גרויס צווישן די דאָזיקע צוויי מינים מעשׂות: ווי עס איז דער אונטערשייד צווישן מעשׂות און פֿאַקטישע געשעענישן. דער געבוי אָבער איז אַן ענלעכער אין ביידע פֿאַלן. עס איז גענוג צו נעמען

איינע פון די קלענערע מעשות אין „מעשה בוך", כדי דאס איינצוזען.

אין דער „מעשה רבי חנניא בן חכינאי" איז דער געבוי ממש אן אידעאלער. נאך דער צווייטער־דריטער שורה איז מען שוין אין סאמע תוך דערציילונג. יעדע ווייטערדיקע שורה פירט צום קלימאקס. האט מען דא בפירושע שפאנונג. און ווי נאר מע דערגרייכט דעם העכסטן פונקט, קומט דער אויפלייז, קומט דער סוף. דאס איז אייגנטלעך דער טרוים פון אלע מאַ־דערנע דערציילער. נאכן סוף קומט, פארשטייט זיך, א זאץ מוסר.

ר' חנניא בן חכינאי איז אוועק אויף רבי שמעון בן יוחאיס חתונה. ווען די חתונה האט געהאלטן ביים סוף, זאגט אים רבי שמעון יוחאי: „רבי חנניא ליבער בלייב דוא היא אונ' ווארט ביז מיין בריילפט (חתונה) גאנץ אויז איז", דעמלט וועל איך „ציהן" (אוועק) לערנען אינאיינעם מיט דיר. ר' חנניא האט נית געוואלט ווארטן. איז ער אליין אוועק, און איז געבליבן אין דער ישיבה גאנצע צוועלף יאר. ווען ער האט זיך אומגעקערט, האט ער ניט געקענט טרעפן אהיים, ווייל „דא ווארן די גאסן פיל אנדרשט גיבויאט (געבויט)". איז ער אוועק צום ברעג טייך, וואו אלע האבן געוואשן וועש. אזוי ווי ער זיצט דארטן, הערט ער „דאש איין פילציל דיא אנדר פיל־ציל רופט" (ווי איין מיידל רופט אן אנדער מיידל): „טאכטער חכינאי". האט ר' חנניא פארשטאנען, אז דאס איז זיין טאכ־טער. איז ער איר נאכגעגאנגען און איז אריין אין הויז. זיין ווייב איז דעמלט געשטאנען און האט געבייטלט, געזיפט מעל. ווען זי האט פלוצים דערזען איר מאן, איז איר פאר גרוים שמחה „די נשמה אויז גינג (אויסגעגאנגען)". האט ר' חנניא אנגעהויבן: „הער אל דער וועלט, איז דאז דער ארמן פרויא איר לון (לוין), דאז זיא אזו לנג (אזוי לאנג) האט אויף מיך

געוואָרט אונ׳ זיך דער ווייל אליין גליטן (געליטן)? און ער הייבט אָן אונ׳ טעט (האָט געטאָן) תפילה צו גאָט אויף זיין ווייב...״

און דאָ קומט דער קלימאַקס, אויפליז און סוף: „דאָז זיא ווידר לעבנדיג וואר״ (אַז זי איז ווידער לעבעדיק געוואָרן). נאָך דעם קומט די מאָראַל: „דער הלבן זאל קיינר אורבליצלונג אין זיין הויז גין זאל זיך פאר לאזן או זאָגן דער היימן״ (דער־פאַר זאָל קיינער ניט גיין אין זיין הויז. ער זאָל פריער לאָזן אָנזאָגן אין דער היים).

דער דאָזיקער געבוי איז געלעגן אין מרת גליקלס אונ־טערבאַוואוסטזיין. אַזוי האָט זי געלייענט און געהערט מעשות. און נאַטירלעך זיינען זיי ביי איר אַרויסגעקומען אין דערזעל־ביקער פאָרם, אָן שום פאָרויסטראַכטעניש. דאָס מיינט, זי האָט פּסיכאָלאָגיש ניט געקענט אַנדערש בויען קיין מעשות אָדער איבערגעבן געשעענישן ווי נאָכן מוסטער פון אַלט־יידי־שע מעשות און דערציילונגען. דאָס איז געווען דען נוסח. און דעמדאָזיקן נוסח האָט באַפעסטיקט און פאַרשפּרייט די אַלט־יידישע ליטעראַטור.

פאַראַן אין מרת גליקלס זכרונות אויך לענגערע דער־ציילערישע איינסן. ווי פריער דערמאָנט — זי גיט איבער פאַק־טישע געשעענישן. און זי האָט ניט געוואוסט, אַז זי גיט איבער די פאַקטן, די געשעענישן ווי אמתע דערציילונגען. ווי מיר ווייסן, איז איר דאָס אין קאָפּ ניט געלעגן. מיר זעען אָבער אין איר אופן דערציילערן — דעם כראָנאָלאָגיזם. דאָס באַווייזט הדרגה און לאָגיק. אמאָל אויך — און אפשר עפּטער — דער־ציילערישן אינסטינקט. דאָס איז דאָ ביי איר אויף טריט און שריט.

מיר קענען דידאַזיקע איינסן באַטראַכטן ווי דערציילונ־גען צוליב דיזעלביקע סיבות, למאַי מיר האָבן אָנגענומען פאַר דערציילונגען די קלענערע איינסן. זיי צייכענען זיך אוים מיט קאָנדענסירטן אינהאַלט, מיט איינהייטלעכן איינדרוק, צוועק און ציל, כאַראַקטערן. זיי זיינען אויך איינהייטלעך אין צייט און אָרט.

אין די גרעסערע דערציילונגען קרייצן זיך שוין דורך עטלעכע פעדים. זיי זיינען שוין אַביסל קאָמפּליצירטער. איינע אַזאַ מעשה איז וועגן איר זון יוסף (זז. 231-234).

איר זון יוסף איז געווען אַלט פערצן יאָר. ער איז געווען אַ מתמיד. זי האָט אים געוואָלט שיקן ערגעץ לערנען. בעצם אָבער האָט זי ניט געוואוסט וואוהין. האָט זיך געמאַכט, אַז ביי איציק פאַלאַקן האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מלמד פון ליסע, פוילן. ווען דער מלמד איז געוואויר געוואָרן, אַז מרת גליקל זוכט וואוהין צו שיקן איר זון, האָט ער זיך אָנגעבאָטן מיט־נעמען איר זון מיט זיך קיין ליסע. „ער ביגערטי קיין פשוט קושט אודיר רבי מעות ביז לאחר ב׳ שנים ווי ער אים אויז שטעהלין דאש ער הלכה תוספות פאר פעקט לייאין זאל״ (ער באַגערט ניט קיין קאָסט אָדער רבי־געלט. ביז נאָך צוויי יאָר ווען ער וועט אים אַזוי אויסשטעלן, אַז ער וועט קענען לייענען פערפעקט (פאַר פעקט) הלכה, תוספות). מרת גליקל האָט זיך נאָכגעפרעגט ווער ער איז, און האָט איר זון געשיקט מיטן רבין קיין ליסע. אין פערצן טעג אַרום קריגט מרת גליקל פון יוספן אַ בריוו, אַז ער דאַרף באַצאָלן זיין רבין פאַר אַ האַלב יאָר לערנען. מרת גליקל האָט דאָס געלט געשיקט. אָבער אין אַ האַלב יאָר אַרום איז אָנגעקומען אַן אַלאַרמירנדיקער בריוו פון יוספן. די קהילה ליסע איז שולדיק די פריצים אַ סך געלט. האַלט עס דערבײַ, מע זאָל נעמען די ידישע יונגעלייט פון דייטשלאַנד און זיי איבערגעבן ווי ערובניקעס אין די גוישע

הענט.דאָס אויסלייז־געלט וועט מען פאָדערן פון די דייי טשע יידן. ער האָט זיך דערוואוסט וועגן דעם בסוד כודות פון „איין בחור" זיינעם אַ גוטן פריינד. בעט ער, די מוטער זאָל שיקן טאקליש איידעם 50 אָדער 60 רייכסטאָלער, און טאקליש איידעם וועט זיך שוין אויסגלייכן מיטן רבין. דער בריוו איז אָנגעקומען ערב שבת קודש. האָט מרת גליקל תיכף נאָך שבת אַוועקגעשיקט קיין ליסע איר זון ר' מרדכי. ר' מרדכי איז תיכף אַוועק קיין בערלין, פון דאָרטן קיין פראַנק־פורט אויפן אָדער. איז ווי ער האַלט אין אַרויספאָרן פון פראַנקפורט, קומט אָן אין שטאָט־טויער זיין ברודער יוסף אויף פויליש „וועגילכן" (וועגעלע). פרעגט אים ר' מרדכי וואָס פאַר אַ בריוו האָסטו עס געשריבן דער מוטער. לאָזט זיך אויס, אַז יוסף הייבט ניט אָן צו וויסן וואָס צו זאָגן. דער רבי האָט צוגענומען זיינע מטלטלים, אָפּגעשניטן די זילבערנע קנעפּ פון יוספס ראָק און אַלץ פאַרזעצט. נאָכדעם האָט ער אויסגע־טראַכט אויף אים אַ בלבול, אַז יוסף האָט אים אַלץ „פאַר נאַשט און' פאַר פרעסין" (פאַרנאַשט און פאַרפרעסן). האָט יוסף געבעטן טאקליש איידעם קומען צו אַ פשרה מיטן רבין. האָט ער אים געגעבן 30 רייכסטאָלער און יוספן האָט ער אַוועקגעשיקט אַהער. דערביי דערציילט יוסף, אַז דער רבי האָט מיט אים גאָרניט געלערנט. די ברידער האָבן זיך אַריינ־געזעצט אין אַ קאַטש און זיינען אַוועק קיין האַמבורג.

נאָך קאָמפּליצירטער איז איר שילדערן די מאַסן־סצענעס בעת זי שרייבט וועגן דעם גרויסן אומגליק, וואָס האָט זיך גע־טראָפן אין דער מעצער שול שבת שבועות. דאָ זעט מען באַ־שיינפּערלעך, אַז מרת גליקל באַזיצט ממש אַ קינסטלערישע פען אויסצודריקן פּינקטלעך און בפרטיות אַלע מאָמענטן אין דער געשעעניש. זי דערציילט, שילדערט, אָבער זי טרעט אויף אַ האָר ניט אָפּ פון דער הויפּט־טעמע. אויב זי האָט געוואָלט איבערגעבן די פאַרשיידענע שמועות וועגן די אמתע סיבות

פונעם אומגליק, קערט זי זיך אום צו זיי ערשט ביים סוף פון דער באשרייבונג. אפילו דער אָנהייב איז אזא פשוטער, אזא נאטירלעכער, אז א סך מאָדערנע דערציילער האָבן ניט איינמאָל סטיליזירט אזעלכע אָנהייבן:

„איך קאן ניט אנטהאלטין צו שרייבין (המעשה) וואש גישעהן איזט בקהילתינו מיץ ביום ש"ק דחג שבועות לפרט תע"ה אליש מיר זיינין גיוועזין בב"ה אנשים ונשים והחזן המשורר הגדול ר' יוקלא מק"ק רישא במדינת פולין האט אָן גיפאנגין צו אורין תפילות יוצר ומנגן בנעימת קולו מן האל בתעצומת עד שיגיע לברכה יוצר המאורות וקודם שהתחיל ברכה הנ"ל האבין רוב אנשים ונשים גיהערט קולות אליש ווען עטוואז אין ברעכט אונ' גאר זער גירומפיל גיוועזין..."

(איך קאָן זיך ניט אפּהאַלטן פון שרייבן די מעשה וואָס איז געשען אין אונדזער קהילה מעץ אין טאָג פון הייליקן שבת אום יום־טוב שבועות לפרט תע"ה (1715), ווען מיר זיינען געווען אין בית־הכנסת, מענער און פרויען, און דער חזן, דער גרויסער זינגער ר' יאָקל, פון דער קהילה קדושה ריישע, אין דער מדינה פוילן, האָט אָנגעהויבן דאַווענען די אינדער־פריעדיקע תפילות, און האָט געזונגען מיט זיין זיס קול פון „האל בתעצומות" (אָ גאָט, מיט דיין גרויסער קראַפט) ביז דער ברכה „יוצר המאורות" (וואָס האָט די ליכטער באַשעפן), און איידער ער האָט געזאָגט די דערמאָנטע ברכה האָבן רוב מענער און פרויען געהערט קולות ווי עפּעס האָט זיך געהאַלטן אין איינברעכן און עס איז געווען א גרויסער טומל.)

די ווייבער, אויבן אין דער ווייבערשול, האָבן געמיינט, אז דאָס גאַנצע וועלבונג פאַלט אויף זיי. פון גרויס פּחד און אימה איז געוואָרן א שרעקלעכע מהומה. די מהומה האָט זיך אריבערגעטראָגן אונטן אין דער מענער־שול. ווען די ווייבער

האָבן נאָך צו דעם אַלעם דערהערט דעם טומל ביי די מענער, האָבן זיי געמיינט, אַז שונאים זיינען זיי באַפּאַלן. האָט זיך יעדער איינע געוואָלט, וואָס פריער ראַטעווען. אויף די טרעפּ זיינען ווייבער געפאַלן איינע איבער דער אַנדערע. במשך איין האַלבער שעה זיינען זעקס פרויען געלעגן טויט, העכער דריי־סיק זיינען פאַרוואונדיקט געוואָרן, טייל ביז צום טויט, אַנדערע האָבן „באַלבירירט״ שפּעטער באַהאַנדלט העכער אַ פערטל יאָר.

אַן אַלטע בלינדע פרוי האָט מחמת איר בלינדקייט ניט גע־וואוסט וואו איין וואו אויס. איז זי געבליבן זיצן אין דער ווייבערשול „ביז דער צאָרן וועט פאַראיבער״, און ס'איז איר גאָרניט ניט געשען. עטלעכע פרויען האָבן געזען, אַז זיי קענען זיך ניט אַרויסראַטעווען פון דער שול און אַז טאָן דאָס מיט גוואַלד, שמעקט מיט סכנה, האָבן זיי באַשלאָסן בעסער צו שטאַרבן אין דעם הייליקן אָרט, און זיי זיינען ניצול גע־וואָרן. צונויפגעקלאַמערטע פופציק פרויען — טויטע און לע־בעדיקע — זיינען געלעגן אויף די טרעפּ און ניט געקענט זיך רירן. אַנדערע פרויען, וואָס האָבן זיך יאָ געראַטעוועט, זיינען אַרוים אין די אייגענע האָר, אָן די שייטלען, און די קליידער אויף זיי זיינען געווען צעריסן.

מרת גליקל האָט זיך געפונען אין דער אונטערשטער ווייבערשול. ווען זי האָט דערהערט וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זי געפרעגט איר שכנה, וואָס טוט זיך דאָ. די שכנה האָט איר געענטפערט, אַז אַ שוואַנגערדיקער פרוי איז ניט גוט געוואָרן. האָט זי זיך דערשראָקן, ווייל איר טאָכטער אסתר איז דעמאָלט געווען מעוברת. געדאַנוונט האָט זי ניט ווייט פון דער מוטער. ווען מרת גליקל האָט געהאַלטן אין אַרויספירן די טאָכטער, איז זי געפאַלן אויף די טרעפּ, און מע האָט זי שיר ניט צע־טראָטן. ווען זי איז געקומען צו זיך, האָט זי דערזען, אַז די טאָכטער איז לעבן איר ניטאָ. האָט זי גענומען שרייען. אין

דער היים האָט זי זי ניט געפונען. איז זי שיר ניט אראָפּ פון זינען. געפונען האָט זי שפּעטער די טאָכטער אין הויז פון איר שוואָגער ר׳ ראובן, וואָס האָט געוואוינט ניט ווייט פון דער שול. אין דעם שלייער, די קליידער צעפליקט, איז אסתר גע־לעגן אין חלשות און מענטשן האָבן זי געמינטערט.

פונקט ווי זי וואָלט געווען אַ געניטע דערציילערין, קערט זי זיך אום צו דערציילן אונדז די מעגלעכע סיבות פונעם גאַנצן אומגליק. יעדע סיבה מאַכט די זאַך אומהיימלעכער, סודות־דיקער, פּירכטערלעכער. דאָס שאַפט שפּאַנונג, קלימאַקס און לאָזט אונדז איבער מיט אַ טיף־ערנסט געפיל. אזא געפיל לייזט זיך אויף ביי די ברעגן פון אַן אַנצוהערעניש — השגחת הבורא און זיינע פאַרהוילענע דרכים.

דעם מלמד ר׳ יעקבס פרוי, מרת אסתר, האָט דער־ציילט, זי איז געזעסן מיט איר פינף־יאָריק קינד אויף דעם אויבערשטן טרעפּ. האָבן זיך באַוויזן זעקס זייער הויכע ווייַ־בער מיט קליינע שלייערלעך. גייענדיק האָבן זיי אראָפּגעשטויסן מרת אסתר. האָט מרת אסתר געשריען: וואָס ווילט איר — מיך מיט מיין קינד טייטן? האָבן די פרויען אַ נעם געטאָן דאָס קינד און עס אוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. אין יענעם אויגנבליק האָט זיך אָנגעהויבן די מהומה.

די צווייטע סיבה איז נאָך מער מיסטעריעז. אַ נאַכט פאַרן אומגליק האָט דער גביר יעקב קרומבאַכס ווייב געהערט גוואַל־דיקע גערוישן אין דער שול, פונקט ווי גנבים וואָלטן געהאַלטן אין אַרויסנעמען אַלץ, און ווי די לייכטער וואָלטן פאַלן. גע־וואוינט האָבן די קרומבאַכס הארט ביי דער שול. האָט מען אויפגעוועקט דעם שמש. ער האָט געעפנט די שול, אָבער אַלץ איז דאָרטן געווען אין אָרדענונג.

אָבער מרת גליקלס מיינונג וועגן דעם אומגליק איז גאָר אַן אַנדערע. זי גלויבט, אַז דאָס איז געווען גאָטס שטראָף פאַר פריערדיקע חטאים. פאַריקן שמחת־תורה, ווען די רייניקייט איז געווען אויפן טיש, האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג, פריער צווישן די ווייבער, דערנאָך צווישן די מענער.

„הגם דאש הגאון הגדול מהור״ר אברהם בקול רם גי־צעקנת בחרם מאן זאָל שטיל זיין אונ׳ ניט ווייטיר מחלל י״ט זיין אביר דאש האט אליש ניקש גיהאלפין. אלזו אין דער אייל הגאון אב״ד הנ״ל אונ׳ הקציני׳ פרנסים אויז דער שול גנגין אונ׳ גימאכט וואז איין אידריר זיין עונש זיין זאלי״.

(הגם דער גאון הגדול מהור״ר אברהם האָט געשריען בקול רם, און גערדאָט) מיט חרם, מע זאָל שטיל זיין און ניט ווייטער מחלל יום טוב זיין. אָבער דאָס אַלץ האָט גאָרניט גע־האָלפן. איז דער אויבנדערמאָנטער גאון, אב בית דין, און די רייכע פרנסים אין דער אייל אַוועק פון שול און האָבן אויסגעמאַכט וואָס פאַר אַ שטראָף זאָל זיי פאַר יעדן איינעם.)

אַזוי ענדיקט זיך דער דאָזיקער גאַנצער אָפּשניט. די טעכניק איז דאָ שוין געווען אַ קאָמפּליצירטע, די באַשרייבונ־גען פון מאַסן־סצענעס נאָך קאָמפּליצירטער. אָבער די יידישע פרוי האָט עס דערציילט זעלטן גוט, ווי זי וואָלט געווען אַ געניטע דערציילערין.

די סאַמע מערקווירדיקסטע דערציילונג איז די מעשה וועגן די צוויי מאָרדן אין געטאָ (זז. 234-246). די טעכניק אין דערדאָזיקער דערציילונג איז ניט נאָר אַ שלימותדיקע. ס׳איז פאַראַן אין דערדאָזיקער דערציילונג עפּעס מער. בעת מע לייענט זי, בלייבט אַ רושם, אַז דאָס האָט אַ קינסטלערין פריער אויסגעפּלאַנירט אַ גאָר־פיינעם געבוי פאַר אַ דערציי־

לונג. איר האָט דאָ דעם אָנוואוקס פון פאַקטן. אַלץ איז מאָ־טיווירט, די שפּאַנונג איז גרויס. אין טייל ערטער איז עס ממש אַ מוסטער פון אַ גרויליקער דעטעקטיוו־דערציילונג. דער נאַראַ־טיוו אָבער — ווי אַלע נאַראַטיוון אין דער אַלט־יידישער ליטעראַטור — ווערט געהאַלטן אין אַזאַ געדעמפּטן ליכט און אין אַזאַ געדעמפּטן טאָן, אַז די שפּאַנונג רופט אַרויס אַן אימה. פון קינסטלערישן שטאַנדפּונקט איז דאָס די בעסטע דערציי־לונג, וואָס געפינט זיך אין אירע זכרונות.

איינמאָל איז מרת שרה, וואָס האָט געוואוינט אין אַל־טאָנאַ, געקומען אין האַמבורג זוכן איר מאַן אברהם מעץ, דעם חלפן. ער האָט זיך יענע נאַכט ניט אומגעקערט אַהיים פון האַמבורג. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס צו זאָגן וועגן דעם פאַרשוואונדענעם מאַן. און מרת שרה „האָט אָן גיפאַנגין גרושין (גרויסן) צער צו טרייבין". בייזע מיילער האָבן גע־זאָגט, זי האָט זיך געקריגט מיטן מאַן, איז ער נעלם געוואָרן.

אַזוי האָט די לעבעדיקע אַלמנה מרת שרה אָפּגעלעבט דריי יאָר מיט אירע לעבעדיקע יתומים. פּונקט דעמאָלט איז זיך פאַרלאָפן אַן אַנדער מעשה. ר׳ אהרן בן משה, אויך אַ חלפן, אַ ייד אַן ערלעכער, האָט זיך תמיד אַרומגעבלאָנקעט אַ גאַנצן טאָג זוכנדיק געשעפטן. אָבער צו נאַכט־צו, ווען יידן קערן זיך אום פון דאַווענען מנחה־מעריב אָדער פון זייער חברה וואו זיי לערנען אַ בלאַט גמרא, האָט זיך איינמאָל ר׳ אהרן ניט אומגעקערט אַהיים. און ער איז אויך פאַרשוואונדן ווי ר׳ אברהם מעץ מיט דריי יאָר פריער.

אויף מאָרגן האָט מען „על הבערש" (אויף דער בערזע) וועגן דעם גערעדט. ר׳ זיינוול, דער זון פון ר׳ מאיר העקשער, האָט דערציילט, אַז אַ דינסטמויד איז צו אים צוגעגאַנגען און אים געפרעגט צי ער האָט זעקס אָדער זיבן הונדערט רייכס־

טאָלער. אויב יאָ, זאָל ער מיט איר גיין. אין איר הויז איז פאַראַן אַ פּרעמדער ראש (אָפּיצער), וואָס האָט גאָלד און איידלשטיינער צו פאַרקויפן. ר' זיינוול האָט ניט געהאַט דאָס געלט און ער איז ניט געגאַנגען. האָט אַ דערבייאיקער ייד ר' ליפמאַן זיך פאַנאַנדערגעפרעגט ווי זי האָט אויסגעזען. און פונעם ענטפער איז אים קלאָר געוואָרן, אַז זי דינט ביים זון פון דעם „ווירט אין דער שיפיר (שיפער) געזעלשאַפט". קיין גוטס האָט ער וועגן דעם דאָזיקן זון ניט געהאַט וואָס צו זאָגן.

ווען ר' ליפמאַן האָט עס שפּעטער דערציילט זיין ווייב, מרת רבקה, האָט זי זיך דערמאָנט, אַז דיזעלביקע דינסט איז ביי איר אויך געווען און האָט אויך איר אָנגעבאָטן דיזעלביקע זאַך. זי האָט געוואוסט וואָס פאַר אַ ליים עס איז דער זון פון דעם טאַווערנע־אייגנטימער. האָט זי זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז ער איז דער מערדער פון די צוויי פאַרפאַלענע יידן.

זינט די מעשה איז זיך פאַרלאָפן, האָט מרת רבקה ניט געקענט צומאַכן אַן אויג. געוואוינט האָט זי אויפן העכסטן שטאָק אין הויז אויפן אַלטן שטיינוועג, וואָס האָט געפירט פון האַמבורג קיין אַלטאָנאַ. יעדער, וואָס איז געגאַנגען קיין אַל־טאָנאַ אָדער פון דאָרטן, האָט געמוזט פאַרבייגיין איר הויז.

פון ניט קענען שלאָפן האָט זי איינמאָל, פריימיק ביי־נאַכט, שיר ניט משוגע געמאַכט איר הויזגעזינד. ווען ס'האָט אָנגעהויבן בלויען אויף טאָג, האָט זי געזען דורך איר פענצ־טער, דעם מערדער, זיין ווייב און אַ מאַן, וואָס האָט געטראָגן „איין גרושי קישט" (אַ גרויסן קאַסטן). מרת רבקה האָט זיך געלאָזט גלייך נאָך זיי. האָט זי געזען ווי זיי זיינען אין אַלטאָ־נאַ צוגעקומען צום טייך עלבע און דאָרטן אַוועקגעשטעלט דעם קאַסטן.

זי האָט אויפגעהויבן אויף די פיס אַלע יידן אין אַלטאָנאַ און זיך בשום אופן ניט געוואָלט באַרואיקן ביז מע וועט זי ניט פירן צום פּרעזידענט. דער פּרעזידענט האָט געהייסן פאַר־האַלטן די פאַרדעכטיקע. און ווען מ׳האָט געעפנט דעם קאַסטן, האָט מען דאָרטן געפונען בלויז די קליידער פון די פאַר־דעכטיקטע. אויף די יידן איז אָנגעפאַלן אַ פּחד.

מרת רבקה האָט אָבער אויף איר וועג אַהיים געטראָפן דעם מערדערס דינסט. און זי האָט איינגערעדט די דינסט, אַז אירע באַלעבאַטים האָבן זיך מודה געווען אין מאָרד, און אַז עס פעלט איר עדות־זאָגן. און ווי נאָר זי וועט זיין דער עדות, וועט מען זי און אירע באַלעבאַטים אריינזעצן אין אַ שווין־צוגעגרייט שיפל, זיי זאָלן זיך קענען ראַטעווען. ווייל די יידן גייט נאָר אין איין זאַך, אויסצוגעפינען צי ר׳ אהרן איז באמת טויט, כדי זיין ווייב זאָל קענען נאָך אַמאָל חתונה האָבן.

די דינסט האָט דעמלט דערציילט דעם גאַנצן אמת. מע האָט זי געבראַכט צום פּרעזידענט, און דער פּרעזידענט האָט געהייסן די יידן, זיי זאָלן אויסווירקן אין האַמבורג, מע זאָל זוכן אין דעם מערדערס הויז. די יידן האָבן דאָס דערגרייכט, אָבער מיט אַ ציטערדיק האַרץ. די גויים אַרום האָבן זיך גע־גרייט אויף אַ פּאָגראָם, אויב ס׳וועט זיך אַרויסווייזן, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ בלבול.

מע האָט אויפגעריסן די שוועל און אונטן טאַקע געפו־נען דעם הרוג. דאָס האָט שוין געפירט צו דעם, אַז דער מער־דער האָט זיך מודה געווען אויך אין האָבן דערהרגעט ר׳ אברהם מעצן.

די הרוגים האָט מען געבראַכט צו קבר ישראל. דער האַס קעגן די יידן, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן אין טאָג ווען

מע האָט דעם מערדער „זיין משפּט געמאַכט“, האָט זיך סוף כל סוף איינגעשטילט. די קהילה איז אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

לירישער נאַראַטיוו

גרויסע טיילן פון דער אַלט־יידישער ליטעראַטור קען מען באַטראַכטן פאַר לירישע נאַראַטיוון. וועגן תחינות איז אָפגערעדט. דאָס איז ריינע רעליגיעזע ליריק. די דאָזיקע ליריק איז באַרעדעוודיק. מחמת דעם זעט זי אויס, על פּי רוב, ווי אַ לירישער נאַראַטיוו. אויך די מוסר־ספרים האָבן אין זיך שטיקער לירישע נאַראַטיוון, מערסטנס אין יענע ערטער, וואו דער מחבר טרעט אָפּ פון ריין אינטעלעקטועלער דידאַקטיק. אָבער אפילו אין די אינטעלעקטועלע טיילן כאַפּט זיך אריין אַ טאָן פון אַ לירישן נאַראַטיוו. די אַלט־יידישע מעשות, נאָוועלעס, און אפילו די „צאינה וראינה" זיינען ניט אינגאַנצן עפּישע שאַפונגען. זיי געהערן גיכער צו די ליריש־עפּישע נאַראַטיוון. בעת דער שטאָף איז אַן עפּישער, איז אָבער די טאָנאַליטעט, דער ריטם, די דיקציע אינגאַנצן אַ לירישע. אין דער „צאינה וראינה" — אפילו אַ וויינענדיק־לירישע.

אָט־די טרויעריקע טענער, אָט־די גאַנצע שטיל־פּליסנ־דיקע, וויינענדיק־געדעמפּטע טאָנאַליטעט האָט משפּיע געווען דעם גאַנצן לעבנס־געפיל פון אונדזערע זיידעס און באָבעס. זיי זיינען געווען דורכגענומען מיט דעמדראָזיקן געמיט. עס איז פאַר אונדז גענוג צו זאָגן — דער צאינה וראינה־סטיל, דער תחינה־סטיל — דערפילן מיר גלייך די טאָנאַליטעט פון דעמדראָזיקן ספּעציפיש וויינענדיק־עלעגישן ריטם. און לאָמיר עס נאָכאַמאָל איבערחזרן — די אַלט־יידישע ליטעראַטור איז ניט געווען קיין ליטעראַטור בלויז פאַר יחידי סגולה, פאַר גע־קליבענע מענטשן. זי איז געווען אַן אַבסאָלוטע נויט־ווענדיקייט, אַ מוז. מע האָט ניט געלעבט און ניט געקענט לעבן אָן איר.

איז עס לחלוטין ניט קיין חידוש, וואָס דידאָזיקע טאָנאַ־ליטעט הערן מיר אין מרת גליקלס זכרונות. זי גיט אונדז אי־בער שטייגער־לעבן און לעבן־שטייגער, געשעענישן — מיט איין וואָרט שטיקער לעבן. און דידאָזיקע שטיקער לעבן זיינען טיפּיש פאַר אַלע יידן פון איר צייט און שטאַנד. דידאָזיקע ווירקלעכקייט פאָדערט ממש עפּישע באַהאַנדלונג. און זי איז טאַקע עפּיש רואיק, פּרטימדיק און אָביעקטיוו. און דאָך — זי שאַפט טאַקע די טיפּישע שילדערונגען, אָבער אומעטום פילט מען איר צוגאַנג צו יעדער זאַך, וואָס זי באַ־שרייבט. גאָר אָפט ווייזט זי אונדז דאָס ווירקלעכע לעבן פון איר צייט דורך אירע אייגענע געדאַנקען און שטימונגען. און דאָ האָבן מיר שוין דעם גאַנצן לירישן צוגאַנג. און זאָל עס ניט קלינגען מליצהדיק: מיר פילן איר האַרץ אין איר יעדער שורה. אירע זכרונות לאָזן איבער אַ שטאַרקן רושם מחמת מיר ווערן אָנגעשטעקט מיט דעם געמיט־צושטאַנד פון דער איידעלער יידישער פרוי און מאַמע. אויף טריט און שריט פילן מיר אירע פּערזענלעכע געפילן, אירע געדאַנקען און איבערלעבונ־גען. אָט־דער פּערזענלעכער טאָן פאַרוואַנדלט אירע זכרונות

אין לירישע נאַראַטיוון. באַזונדערס בולט זעען מיר עס בעת זי גיט איבער טרויעריקע געשעענישן.

נאָך בולטער איז ביי איר דער לירישער נאַראַטיוו אין די לעצטע צוויי ביכער זכרונות. ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך פאַרוואָס. עלף יאָר האָט מרת גליקל געהאַלטן אין איין אָפּזאָגן פאַרשיידענע שידוכים. דער זכרון פון איר מאַן ר' חיים איז איר געווען זייער טייער. זינט דער מאַן איז איר, די קרוין פון איר קאָפּ, איז געשטאָרבן אין 1689, האָט זי געפירט אַ לעבן פון אַן אמתער אשת חיל. זי האָט אויסגעפירט שידוכים און חתונה געמאַכט זיבן קינדער. פיר האָט זי נאָך פריער, איגיינעם מיט איר מאַן, געפירט צו דער חופּה. געבליבן מיט איר איז די יינגסטע טאָכטער, די עלף־יאָריקע מרים. העלפן האָט זי גע־האָלפן כמעט אַלע קינדער זיך שטעלן אויף די פיס. אין די עלף יאָר האָט די אלמנה געהאַט אויסצושטיין פאַרשיידענע אומגליקן און צרות, שטורעמס און בייזע געוויטערס.

צוויי זאַכן האָבן זי אָבער זייער שטאַרק געשראָקן. זי זאָל ניט באַפלעקן דעם שיינעם נאָמען פון איר פאַרשטאָרבענעם מאַן דורך אריינפאַלן אין פינאַנציעלע שוועריקייטן, און ניט אָנקומען צו קינדער. און אין יאָר 1700 האָט זי זיך גע־לאָזט איבעררעדן און האָט חתונה געהאַט מיטן מעצער באַנקיר, פּרנס און שתדלן — ר' הירץ לוי. און אַלץ, וואָס זי האָט געוואָלט אויסמיידן און צוליב וואָס זי האָט, אייגנטלעך, איינגעוויליקט חתונה צו האָבן — דאָס אַלץ האָט זיך מיט איר געטראָפן. איר מאַן, דער באַנקיר, אַן ערלעכער און חשובער ייד, האָט באַנקראָטירט און איז געוואָרן אַ יורד. און מרת גליקל האָט שפּעטער געדאַרפט אָנקומען צו די קינדער. ר' הירץ לוי איז געשטאָרבן 12 יאָר נאָך דער חתונה מיט מרת גליקל. און דעמאָלט, אַ טרויעריקע, אַ דערשלאָגענע, פול מיט חרטות, האָט מרת גליקל ווידער זיך גענומען צו אירע זכרונות.

אויך איר ערשט בוך איז איינגעהילט אין טרויער. זי רעדט דארטן אָבער אינגאַנצן וועגן גאָטס דרכים. זי איז מצדיק דעם דין. אויך אין די לעצטע צוויי ביכער טוט זי דאָסזעל־ביקע. אָבער בעת דאָרטן מאָראַליזירט זי בלויז, איז דאָ דידאַ־זיקע מאָראַליזירונג בלויז אַן אגב־אורחהדיקע. על פּי רוב קומט דאָ דער גאַנצער טרויעריקער טאָן, דער טרויעריקער ליַ־רישער נאַראַטיוו, בעת זי באַשרייבט עפּיזאָדן, געשעענישן אין אייגענעם לעבן, וואָס זיינען זיך פאָרלאָפן אין די 19 יאָר, צווישן די יאָרן 1700 און 1719.

אין אַזאַ ווייַנענדיקן און טרויעריקן טאָן זיינען געשריבן אירע לעצטע צוויי ביכער. אַזוי הייבט זי אָן דאָס זעקסטע בוך:

„היר מיט וויל איך מיין זעקסטיש בויך אן פאנגין אין וועלכין איך פאר מיינט האב אל מיין פארגניגליכקייט צו פינדין אונ׳ איך מיך אין זוא איין שטאנט צו זעטצין דען איך צוואהרין גנצי פירצעהן יאר גימיידיט האב דאר מיר דאך פיל פרטייאין זענין פיר געשלאגיןווארן ממש דיא פאר נעמשטי אין גנץ אשכנז אביר אזוא לנג איך גיקאנט האבי אונ׳ מיר גידוכט דאז מיט דען מייניגין וואש מיר בעלי זצ״ל גילאָזין מיך קאָן מחייה זין מיר ניט אין זין גינומין מיך צו פאר ענדרין אביר אויב דער היכשטי מיין פיל פאלטיגי עבירות אן גיזעהין אונ׳ מיר נים לדעתי געבין דאז איך איין מאן גינומין העט דאר מיר זענין פארטייאין פיר גישלאגין גיווארין דאש איך אונ׳ מייני קינדר העטין קענין דאר דורך גליקזעליג זיין אונ׳ מיך אויף מיין ביטריפטי ערבייט זעליגי עלטיר העט קע־נין אין גירואיגין שטאנט זעטצין זוא האט זולכיש אליש דעם גרויש גוטיגין גאט נים געפילעג גיוועזין ובוודאי מכוח עוונותי מיך צו דיזיר פולגינדי פרטייא ריזילפירן גימאכט וויא פולגינ־דיז איין מעהרירש פולגין ווערט אונ׳ בייא דעם אלים דאנק

און' לוב איך דאך מיין בישעפיר דער מיר מער גינאד און' בארימהערציקייט אין מיין הוכי שטראף ביוויזט מער אליש איך און ווערדיגי זינדיגרין ווערדיק און' ווערט בין און' דער גרושי גאט דער מיר דיא גנאד און' בארימהערציקייט גי־ביט און' ביי (אל) אל מיין צרות מיך צו גידולד אן פירט דעם לוב און' דאנק איך איביקלעד אוב איך זולכיש שונט ניט טון קאן, מיט פילין גרושין פאשטין אודיר זונשטין גרושי תשובה וויא איך וואול שולדיג ווער און' טון זולטי אביר דיא גרושי דאגות און' בארץ נכריה אך זונשטין מיך עש ניט טון לאזין הגם דאש איך וואול וויים דאז זולכי אנטשולדיגונג גאר וויניק פאר המקום ב"ה העלפין ווערין ומשום זה כתבתי זאת מיט ציטריגדיר האנד און' ביטרי הייסי טרערין דען עש שטיט המקום ב"ה צו דינן בכל נפשך ובכל מאדך".

(דערמיט וויל איך מיין זעקסט בוך אנהייבן, אין וועלכן איך האב געמיינט צו געפינען אלע מיינע פארגעניגנס און מיך איינארדענען אין אזא שטאנד, וואס איך האב אויסגעמיטן זיבער גאנצע פערצן יאר (דארף זיין קרוב עלף יאר — נ. ב. מ.), הגם מע האט מיר פארנעשלאגן א סך פארטיעס, ממש די פארנעמסטע אין גאנץ אשכנז (דייטשלאנד). אבער אזוי לאנג ווי איך האב געקענט און מיר האט זיך געדוכט, אז מיט מייניקן, וואס מיין מאן זצ"ל האט מיר געלאזן, וועל איך מיך קענען דערנערן, האב איך מיר אין זינען ניט גענו־מען זיך צו פארענדערן. אבער אויב דער העכסטער האט גע־זען מיינע אומצייליקע זינד און מיר ניט אריינגעגעבן אין מיין זינען, אז איך זאל נעמען א מאן, בעת מע האט מיר פאר־געשלאגן פארטיעס, אז איך און מיינע קינדער וואלטן געקענט זיין דורך דעם גליקלעך, און מיך קענען אויף מיין באטריב־טער, נויט־קלעמענדיקער עלטער זיך איינארדענען אין רואיקן מצב. אזוי איז דאס אלץ דעם גרויסן גוטן גאט ניט געפעלן געוואָרן. אוודאי האט ער מיר געמאכט זיך צו באשליסן (רי־

זילפירין — רעזאָלווירן) אויף דער פּאָלגנדיקער פּאַרטיע מכות מיינע זינד. ווי אין דעם ווייטערדיקן וועט עס מערער מאָל קומען. און ביי דעם אַלעם דאַנק איך און לויב מיין באַשע־פער, וואָס האָט מיר מער גנאָד און בארמהארציקייט באַוויזן אין מיין הויכער שטראָף (אין דעם וואָס ער האָט מיך הויך באַשטראָפּט), מער ווי איך אומווערדיקע זינדיקערין בין ווערדיק און ווערט. און דער גרויסער גאָט, דער מיר די גנאָד און בארמהארציקייט גיט, און מיך געפירט צו גדולד ביי אַלע מיינע צרות, דעם לויב און דאַנק איך אייביקלעך. אויב איך קאָן אַזעלכעס שוין טאָן מיט אַ סך גרויסע תעניתים אָדער מיט אַנדערע גרויסע תשובות, ווי איך וואויל בין שולדיק גע־ווען און האָב געדאַרפט טאָן. אָבער די גרויסע דאגות און בארץ נכריה, אויך אַנדערש מיך ניט טאָן לאָזן, הגם איך האָב וואויל געוואוסט, אַז אַזעלכע אַנטשולדיקונגען וועלן גאָר ווייניק העלפן פאַר המקום ברוך הוא. און וועגן דעם האָב איך געשריבן דאָס מיט אַ ציטערנדיקער האַנט און ביטערע הייסע טרערן, דען עס שטייט: המקום ברוך הוא צו דינען בכל נפשך ובכל מאדך.)

אין דעמדאָזיקן טאָן שרייבט זי ווייטער: קיינער ווייס ניט, ווען ס׳וועט קומען זיין לעצטער טאָג. מוז ער דעריבער שטענדיק טאָן תשובה. אַזוי האָב איך טאַקע געדאַרפט טאָן. און איך האָב געקענט דאָס טאָן. האָב איך געפונען אַ „לומ־פּיקן תירוץ" — כ׳וועל פריער חתונה מאַכן מיינע יתומים און שפּעטער וועל איך אַוועקפאָרן „בארץ קדושה". איך, זינ־דיקערין, האָב ניט געדאַרפט חתונה האָבן נאָכאַמאָל, נאָר געבן אַ מאַן מיין טאָכטער מרים.

„ולאחר זה העט איך טון זאלין אליש וויא איין כשרה פרומי יידישי פרא גיהערט אונ׳ אלי חבלי עולם בעולם הזה פאר לאזין אונ׳ מיך מיט דען ביזילכן וואש איך נאך איבריג

גיהאט האבי לארץ הקדושה ביגעבין זולין דען לשם העט איך קענין אונ' העטין מיך הדאגות וצרות פון מייני קינדר אודיר פרינט. והבלי עולם ניט בישוועהרליך גיוועזין, אונ' דאך העטי איך להמקום ב"ה בכל נפשי ובכל מאודי דינין קענין אביר וויא שונט גידאכט עוונותי גרמו זאת דאש מיך המקום ב"ה צור אנדרי מחשבה גפירט אונ' מיר זולכיש ניט גי־ווע(ר)דיגיט האט".

(און נאָכ דעם האָב איך געדאַרפט טאָן ווי עס געהערט אַ כשרה פרומע יידישע פרוי, און אַלע חבלי עולם בעולם הזה פאַרלאָזן און מיך מיט דעם ביסל, וואָס איך האָב נאָך איבע־ריק געהאַט, וואָס איז מיר נאָך איבערגעבליבן, האָב איך גע־דאַרפט אַוועק אין הייליקן לאַנד. דען דאָרטן וואָלט מיר ניט שווער געוועזן די דאגות און צרות פון מיינע קינדער אָדער פריינד און די נאַרישקייטן פון דער וועלט. און דאָרטן וואָלט איך געקענט דינען גאָט ברוך הוא בכל נפשי ובכל מאודי. אָבער, ווי שוין דערמאָנט, מיינע זינד האָבן גורם געווען, דאָס מיך דער אייבערשטער, המקום ברוך הוא, האָט געפירט צו אַנדערע מחשבות, און האָט מיך אַזוינס ניט געווערדיקט.)

אין אירע ווייטערדיקע באַשרייבונגען און שילדערונגען דערציילט זי אונדז וועגן געשעענישן און עפּיזאָדן — ווי אַזוי מע האָט זי אויפגענומען אין מעץ, אירע ערשטע טעג דאָרט. אָבער דער טרויער לאָזט ניט אָפּ. מאָדנע פאָרגעפילן מאַכן איר שווער דאָס האַרץ. נאָך אין פראַנקפורט, אויפן וועג קיין מעץ, איז איר אַנטקעגן געקומען אַ בעל־הבית פון מעץ מיטן נאָמען ליזר (לייזער). ער האָט געבראַכט אַ בריוו פון איר קומענדיקן מאַן, לעקעך און פאַרשיידענע קלייניקייטן. די קהילה אין פראַנקפורט האָט איר אָנגעטאָן אַזויפיל כבוד „דיא מאן איינֿיר אשה אָן טון קאן" (וואָס מע קען נאָר אָנטאָן אַ פרוי). אין דער שטאָט פירט האָט מען איר נאָך מער כבוד

אנגעטאָן. צוויי מייל פון דער שטאָט מעז האָט איר צוקונפטי־קער מאַן ארויסגעשיקט זיין שרייבער לעמלי וויטפין מיט כל טוב.

און דאָ קומען פון איר פּען טרויעריקע שורות. איין גאָט ווייס — שרייבט זי — וואָס דאָס איז געווען. אָט האָט זי געזען פאַר זיך „הערלעכקייט" און גוטס און די שיין פון עשירות. ר' הירש לויב (סערף לעווים) בריוו, וואָס זי האָט נעקראָגן אויפן וועג, זיינען געווען פול מיט „יראה אונ' פאַר גניגליכקייט (פאַרגעניגלעכקייט)". דאָך איז זי „ניט אָהן שווער מויט (מוט) גיוועזין". איז דאָס געווען איר באַטריבט האַרץ, וואָס האָט איר דעם סוף פאַרויסגעזאָגט? אָדער איז עס געווען דערפאַר, וואָס זי פאַרבינדט זיך מיט אַ צווייטן מאַן? „אביר דיא ביטראַכטונג איז פיל צו שפּאַט גיוועזין אלזו איך מיין און מוט אונ' ביקימירטיש הערץ מוזין גרושין צוואַנג אן טון זולכיש צו פאַר בערגין" (אָבער די באַטראַכטונג איז פיל צו שפּעט געווען. אַלזאָ האָב איך מיין אומעטיק און באַקימערט האַרץ געמוזט אָנטאָן גרויסן צוואַנג, כדי דאָס צו פאַרבאָרגן).

ווען זי איז שוין געווען גאַר נאָענט צו מעז, האָט זיך ווידער באַוויזן דער שרייבער לעמל ווימפען און אַן אַנדערער. ביידע זיינען געריטן אויף פערד, לעבן אַ קאַטש. און אין קאַטש זיינען געזעסן דריי פרויען, די חשובסטע אין מעז, האשה החשובה אשת הרבני' ממיץ (פון מעז), אונ' אשה החשובה הרבני' אשת אב"ד מהור"ר אהרן (ר' אהרן פון וואָרמס), אונ' הקצינה מחותנת יאכים (איר טאָכטער אסתרס שווינגער). איז מע שוין קיין מעז געפאָרן אין זייער קאַטש. און אָט טראָגט מען איר אַנטקעגן איר טאָכטער אסתר אויף אַ „זעניפט" (סעדאַן־שטול). זי איז דעמלט געווען מעוברת. פאַרפאָרן איז זי צו דער טאָכטער. דער איידעם איז דעמלט גע־ווען אין פּאַריז. די טאָכטער, האָט פאַר דער מוטער צוגעגרייט

אַ זופּ, כדי זי צו שטאַרקן. אָבער אומעטיקע פאַרגעפילן האָבן זי ניט אָפּגעלאָזט. און דאָ קומען ווידער טרויעריקע ווערטער: „אביר דען היכשטין ביקאַנד מיין לב מיר זער בישווערט גי־ ווען דאז זעלבירט ניט גיוואושט וואור אן עש מיר מנגילט" (אָבער דעם העכסטן איז באַקאַנט, מיין האַרץ איז מיר זייער באַשווערט געווען, אַז איך אַליין האָב ניט געוואוסט וואָס מיר פעלט).

אָט־די באַטריבטקייט, אָט־די פאַרגעפילן, — זיי חזרן זיך איבער אַ סך מאָל. זיי שאַפן די אַטמאָספערע פון די לעצ־ טע צוויי ביכער. זיי זיינען שווערמוטיק, טרויעריק. און דאָס איז דער טרויעריקער ריטם, דאָס שטילע געוויין, וואָס איז לויטער ליריק.

געווען איז דאָס אַלץ פרייטיק ביינאַכט. ווען מע האָט זיך אומגעקערט פון שול, פון קבלת־שבת, ביי דער סעודה פרייטיק־צו־נאַכט, איז געקומען ר' הירץ לויט אַ קאַמערדינער און אַ דינסט. זיי האָבן געבראַכט „ב' גרושי איבר גילטי פלאַטין אין א' איז גיוועזין דיא בעשטי אונ' שינשטי קונפעק־ טין אונ' אין דיא אנדרי דיא בעשטי פירות זוא וואול פון אויז לענדישי פירות אליש לימוניש אפיל זינים אליש דיא בעשטי אין לענדישי פירות אונ' דרוף איין שלשלת של זהב מיט איין שטיק גאלט גילעגין אונ' ב' גנצי גרושי פאר גילטי בעכיר מיט יין דאש איזט מיין שבת אופש גיוועזין, דיזוש איז גאר ראר גיוועזין" (צוויי גרויסע באַגילדטע פלאַטן (טאַצן) אין איי־ נעם זיינען געווען די בעסטע און שענסטע קאָנפעקטן, און אין אַנדערן די בעסטע פירות ווי אויך אויסלענדישע פירות ווי לימאָנען און אַפעלסינען, ווי אויך די בעסטע היימלענדישע פירות, און דערויף איז געלעגן אַ גאָלדענע קייט מיט אַ שטיק גאָלד און צוויי גאַנץ גרויסע באַגילדטע בעכער מיט וויין. דאָס איז מיין שבת־אויבס געווען. דאָס איז גאָר ראַר געווען).

און ווייטער ענדיקט זי דערמיט, אז אירע שווערע גע־דאנקען האבן זי ניט אפגעלאזן. ווען דער סוף זאל זיין ווי דער אנהייב. „אביר מיין גאט אונ׳ הער בעו״ה (אויז) דער בילדיני קעט זענען ממש שטריק אונ׳ אייזירני בנד גיוואָרין״ (אָבער מיין גאָט און הער, בעו״ה, פון דער גאָלדענער קייט זיינען ממש שטריק און אייזערנע באנדן געוואָרן).

און גאָר פּאַטעטיש לאָזן זיך אוים די זכרונות. אינעם שטילן האַלב־מיסטישן, האַלב־פאַרצווייפלטן טאָן דערפילן מיר ווי ס׳פאַרלירן זיך די מחיצות צווישן דוכטעניש און ווירק־לעכקייט. און אויף אַ רגע ווערן זיי אינגאַנצן פאַרווישט און אויפגעלייזט אין איר זעאונג:

„ניסן תע״ט איזט איין אשה אויף דער מוזיל גישטאנדין אונ׳ כלים גיזויבירט בייא דער לילה לערך אום י׳ אוהר איזט גיוואָרדין העל אליש וויא בייא טאג האט די אשה גיזעהן אין הימל אונד דער הימל איזט אופין גיוועזין אליש וויא איין ----- (דאָ פעלט אַ וואָרט אָדער ווערטער — נ. ב. מ.) אונ׳ פונקין זענין דאר פון גישפּרונגין אונ׳ דער נאָך איזט דער הימל ווידר צו גיגאנגין אליש ווי איינר העט איין פארהאנג צו גיצאגין, אונ׳ איזט ווידר גנץ פינשטיר גיוורדין הש״י ב״ה זאל געבין דאז עש לטובה זיין זאל אמן״.

(ניסן תע״ה (1719) איז אַ פרוי געשטאַנען ביים (טייך) מאַזעל און האָט געוואַשן כלים. ביינאַכט לערך 10 אַ זייגער, אזי געוואָרן העל ווי בייטאָג. האָט די פרוי געזען אין הימל, און דער הימל איז אָפן געווען ווי אַ ----- און פונקען זיינען פון דאָרטן געשפּרונגען. און דערנאָך איז דער הימל ווידער צוגעגאַנגען, ווי עמיצער וואָלט פאַרצויגן אַ פאָרהאַנג, און עס איז ווידער גאַנץ פינצטער געוואָרן. השם יתברך ברוך הוא זאָל געבן דאָס עס זאָל זיין לטובה, אָמן.)

נאָכוואָרט

דער געלערנטער מ. גרונוואַלד האָט פאַרגליכן מרת גליקל מיט דער פראַנצויזישער מאַרקיזין, מאַדאַם דע סעוויניע, די וואונדערלעכע פאָרשטייערין פון דער עפּיסטאָלאַרער, דער בריוו־שרייבערישער קונסט. אין אַ סך פּרטים איז דער פאַרגלייך זייער אַ געלונגענער. ביידע האָבן געלעבט און געשריבן כמעט אין דערזעלביקער צייט. ביידע האָבן פאַרמאָגט אַ שאַרף אויג, דעם טאַלאַנט איבערצוגעבן פּרטים, דערציילן וועגן געשעענישן און שילדערן פּאָרטרעטן. ביידע האָבן אונדז איבערגעלאָזן אינטימע באַשרייבונגען פון שטיקער לעבן. זייערע באַשרייבונגען און שילדערונגען האָבן זיך אונטערשיידט אין דער פאָרם. גליקל האַמעל טיילט זיך אויס אין דער יידישער ליטעראַטור מיט אירע זכרונות. מאַדאַם דע סעוויניע — אין דער פראַנצויזישער ליטעראַטור מיט אירע בריוו. פאַרשידן זיינען אויך זייערע סאָציאַלע סביבות. מאַדאַם דע סעוויניע האָט געהערט

צו דער פראַנצויזישער אַריסטאָקראַטיע, געלעבט דאָס לעבן פון אַ הויף־דאַמע, איז געווען אַנגעזען אין די ליטעראַרישע סאַלאָנען פון איר צייט. מרת גליקל איז אויך געווען באַרע־דעוודיק, אָפנהאַרציק, מיט אַ שטאַרקן אינסטינקט צו לעבן. איר ספערע איז אָבער געווען פון אַן אַנדער אַריסטאָקראַטיע — די יידישע אַריסטאָקראַטיע פון איר צייט: סוחרים, שטאַם־עלטערן פון צוקונפטיקע רייכע יידישע משפחות, פרנסים און לומדים.

ביידע מערקווירדיקע פרויען, — זיינען זיי געווען אַ פּראָדוקט פון זייער דערציאונג. איינע האָט זיך דערצויגן אויף דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. זי האָט זיך אפילו אויסגע־צייכנט מיט אירע מיינונגען וועגן ליטעראַרישע פּערזענלעכ־קייטן. אירע מיינונגען וועגן לאַפאָנטען, ראַסין און קאָרנעי־צייכענען זיך אויס מיט אָריגינעלע באַמערקונגען, אויס־געדריקט אויף אַן אָריגינעלן אופן. מרת גליקלס הינטערגרונט זיינען — מעשות און ראָמאַנען, מוסר־ספרים און תחינות. אין דעם פרט קען מען זאָגן — ביידע זיינען געווען פּראָ־דוקטן פון דער קולטור, וואָס האָט זיי צוגעגרייט צום לעבן.

פאַראַן אָבער איין גרויסער אונטערשייד. די מאַרקיזין סעוויניע האָט קולטורעל געהערט צו די אויסדערוויילטע, וואָס האָבן זיך אויסגעפורעמט אַדאַנק דער קולטור פון זייער צייט. בעת מרת גליקל איז ניט געווען קיין אויסדערוויילטע, נאָר איינע פון אַ סך, און אפשר איינע פון אַלע. דער מאָראַליסט ניקאָל און די נאָוועליסטין מאַדמואַזעל דע סקודערי, ראַסין און קאָרנעי — זיי האָבן באַווירקט די פּסיכיק פון יענע גליקלעכע, וואָס האָבן געהערט צו די העכערע געזעלשאַפטלעכע שיכטן. אָבער די תחינות און די „צאינה וראינה", דער „לב טוב" און דער „בראַנטשפּיגל", די מעשות פון „מעשה־בוך" און „מעשה ניסים", די ראָמאַנען אַזעלכע ווי „בבא־בוך" — זיי זיינען גע־

ווען דער קנין פון דעם יידישן פאָלקסמענטשן. זיי האָבן נעָ־
פורעמט זיין פסיכיק. ניט נאָר ווייסן מיר עס פון מרת גליקלס
זכרונות גופא, ווען מיר נעמען זיי פאַנאַנדער און מיר זעען,
פון וואָס די זכרונות באַשטייען. מיר ווייסן עס אויך פון דעם
פאַקט — ווי פאַרשפּרייט עס זיינען געווען די ריטער־ראָמאַנען
און די מעשׂות, די תּחינות און די מוסר־ספרים.

ווען מע באַטראַכט דאָס אַלץ אין ליכט פון דער אַלט־
יידישער ליטעראַטור, דערוויסט מען זיך ערשט, אַז אי די דאָ־
זיקע ליטעראַטור, אי די שפּראַך, וואָס האָט געפורעמט די
דאָזיקע ליטעראַטור — אַז זיי האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט
— ניט מער און ניט ווייניקער — ווי אַ גאַנצע ציוויליזאַציע,
אַ גאַנצן לעבנס־סטיל.

פון דעם זעלביקן מחבר

לידער, פאַרלאַג אינזיך

אונדזער פּיערָאָ (לידער), פאַרלאַג יידיש לעבן

מסעות פון לעצטן שאָטן (לידער), פאַרלאַג יידיש לעבן

ביים ראַנד (לידער), פאַרלאַג באָדן

יידישע קלאַסיקער פּאָעטן, פאַרלאַג באָדן

סיסטעם און רעלאַטיוויקייט אין פּאָעזיע (וועגן מיכל ליכטן), פאַרלאַג יידיש לעבן

אברהם רייזען (דער דיכטער פון ליד), פאַרלאַג באָדן

אליה בחור און זיין בבא־בוך, פאַרלאַג מ. וואַקסער

גליקל האַמעל (1645־1724), פאַרלאַג מ. וואַקסער
מיט דער מיטהילף פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד

אין דרוק

ליטעראַרישע וועגן (עסייען): — מענדעלע, אברהם גאָלדפאַדען, י. ל. פרץ, דוד פּינסקי, יוסף ראָלניק, ה. רויזענבלאַט, א. לעיעלעס, בערנאַרד לואיס), צבי קעסעל - פאָנד ביי דער קולטור־קאָמיסיע פון יידישן צענטראַל־קאָמיטעט אין מעקסיקע

N. B. MINKOFF

GLICKEL HAMEL

(1645 - 1724)

Published by

M. Vaxer Publishing Co.

143 Division Street

New York 2 N. Y.

and the

David Ignatoff Literary Foundation, Inc.